STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10907

DOS YIDISHE EMIGRATSYE-PROBLEM UN DER YIDISHER VELT-KONGRES

Aryeh Tartakower

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פאַרן יידישן וועלט-קאָנגרעס

ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער

דאָס יידישע עמיגראַציע-פּראָבלעם און דער יידישער וועלט-קאָנגרעס

פּאַריז ◆ 1936

PRINTED IN POLAND.

Dr. ARJE TARTAKOWER: „Problem żydowskiej emigracji a światowy kongres żydowski“

Tłocznia „KULTURA“ (wł.: M. Majmon i Ch. Rapoport) Łódź, Śródmiejska 23
Telefon 128-69.

א. ארײַנפֿיר.

אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון די מער אָדער װײניקער קאָמפּליצירטע עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע פֿראַגן, װאָס װעלן שטײן פֿאַרן ײדישן װעלט־קאָנגרעס און פֿון װעמענס לײזונג ס'הענגט אָפּ אין אַ גרױסער מאָס דער גורל פֿון ײדישן פֿאָלק אין די גלות־לענדער, שטײט די עמיגראַציע־פֿראַגע זיכער אױף אײנעם פֿון די ערשטע פּלעצער. דאָס הענגט צוזאַמען נישט נאָר מיט דער קװאַנטיטאַטיװער באַדײטונג פֿון דער דאָזיקער דערשײנונג. אױך הײנט, אין דער תּקופֿה פֿון אַכזריותדיקע באַגרענעצונגען פֿון דער װאַנדערונגס־פֿרײהײט, װאָס זײנען לכל־הפּחות אָביעקטיװ געריכטעט אין דער ערשטער רײ קעגן דער ײדישער באַפֿעלקערונג, שטײען די ײדן מיט זײערע פֿופֿציק טױזנט עמיגראַנטן אַ יאָר אױף אײנער פֿון די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס אין פּראָצענט פֿון דער װאַנדערנדיקער מענשהײט. אָבער נישט װײניקער אײדער די דאָזיקע אַבסאָלוטע גרױס פֿון דער דערשײנונג באַטײט איר שטעלונג אין סאָציאַלן לעבן פֿון ײדישן פֿאָלק אין איצטיקן מאָמענט. עס באַשטײט קײן שום ספֿק נישט, אַז כּמעט אַלע פֿאַקטן אין ײדישן לעבן פֿון הײנט, און קודם־כּל כּמעט אַלע ײדישע צרות, זײנען מער אָדער װײניקער דירעקט פֿאַרבונדען מיט ע מ י ג ר אַ צ י ע. דער עקאָנאָמישער און אױך דער פּאָליטישער מצב פֿון ײדישן פֿאָלק װאָלט נישט געװען אַזױ האָפֿנונגסלאָז, אױב דער װענטיל פֿון עמיגראַציע װאָלט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין די יאָרן נאָך דער װעלט־מלחמה. דאָס פּראָבלעם פֿון פּראָדוקטיװיזאַציע, דער קאַמף פֿאַר רעכט אױף אַרבעט, דער גאַנצער קאָמפּלעקס פֿון ײדישער סאָציאַלער אַרבעט װאָלטן געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים, װען עמיגראַציע װאָלט הײנט געװען מער אײדער אַ חלום פֿון הונדערטער טױזנטער און אפֿשר מיליאָנען, און אַפֿילו דאָס ײדישע קולטור־לעבן אין כּמעט אַלע זײנע פֿאָרמען איז שטאַרק צונױפֿגעבונדן מיט אָט דעם דאָזיקן עיקר־פּראָבלעם פֿון ײדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון הײנט.

ס'איז אַלזאָ קלאָר, אַז אַ פּלאַן, װאָס שטרעבט צו קאָנצענטרירן די כּוחות פֿון גאַנצן פֿאָלק און שאַפֿן די יסודות פֿון אַ אײנהײטלעכער ײדישער פּאָליטיק אין ברײטסטן זין פֿון װאָרט, מוז זיך אין דער ערשטער רײ אָנשטױסן אָן די פֿראַגן פֿון ײדישער עמיגראַציע און פּרוּװן געבן אַן ענטפֿער אױף זײ. קײן

סיסטעם פון יידישער פּאָליטיק איז אָן יידישער עמיגראַציע-פּאָליטיק נישט מעגליך.

פאַראַן אָבער נאָך איין סיבה, וואָס קניפּט צונויף, אָדער דאַרף יעדנפאַלס צונויפקניפּן, דעם יידישן וועלט-קאָנגרעס מיט די פראַגן פון יידישער עמיגראַציע. די עמיגראַציע איז שוין דורך איהר וועזן אַזויצוזאָגן די אינטערנאַציאָנאַלסטע פון אַלע דערשיינונגען פון יידישן לעבן פון היינט. זי פאַרבינדט פאַרשידנסטע טיילן פון יידישן פאָלק אין פאַרשידנסטע לענדער פון דער וועלט, זי ברענגט די יידישע געזעלשאַפט אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט פאַרשידנסטע פעלקער, פאַרשידנסטע רעגירונגען און פאַרשידנסטע געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן. די פראַגע פון אַזאַ פאַרנעם קאָן נישט געלייזט ווערן דורך אָפּגעזונדערטע טיילן פון יידישן פאָלק. אויב שוין ביי אַנדערע פעלקער האָט מען אין די מייסטע פאַלן מוותר געווען אויף דעם געדאַנק פון אַ איינזייטיקער רעגולירונג פון עמיגראַציע און מען פרוווט צו קאָנצענטרירן די פאַרשפּרייטע טיילן פון פאָלק, אָדער מען גייט אויפן וועג פון צווישן-מלוכהשע אָפּמאַכן, איז עס אַזוי על אחת כמה וכמה אין אונזערע יידישע באַדינגונגען. ס׳איז אַלזאָ נישט קיין ״צופאַל״, וואָס פון אַלע אינטערטעריטאָריאַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס מיט באַשטימטע קאָנקרעטע עקאָנאָמישע און סאָציאַל-פאָליטישע אויפגאַבן איז דער עמיגראַציע-פאַרבאַנד, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע חסרונות, וועגן וועלכע ס׳וועט נאָך שפּעטער זיין די רייד, פאָרט די שטאַרקסטע און אַם מייסטן צוזאַמענגעשלאָסענע. אין אַנדערע פאַלן האָט דער אינטערטעריטאָריאַלער צוזאַמענשלוס אַ ריין-דעמאָנסטראַטיווע, אין בעסטן פאַל אַ פינאַנץ-פאָליטישע באַדייטונג, דאָ האָט ער אַ רעאַלע און זיכערע גרונטלאַגע, און אויב אַזוי, דאַרף ער זיכער איינגעגלידערט ווערן אין קאָמפּלעקס פון אַ יידישער אינטערטעריטאָריאַלער פּאָליטיק, אַלס איינער פון אירע וויכטיקסטע יסודות.

און צום סוף נאָך איין באַמערקונג. אויף קיין אַנדער געביט פון יידישן לעבן איז דאָס קאָנצענטרירן זיך אויף אַלע פּרטים פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן און פאַרשטיין זיך צוצופּאַסן צו די ענדערונגען פון דער קאָניונקטור און זיי אויסנוצן דורך אָרגאַניזאַטאָרישע, אָדער, ווי ווייט מעגלעך, אויך דורך עפנטלעך-רעכטלעכע באַמיונגען, נישט אַזוי וויכטיק, ווי אויפן געביט פון עמיגראַציע. אין דער האָפנונגסלאָזער סיטואַציע, אין וועלכע די יידישע עמיגרירנדיקע מאַסן, אָדער בעסער געזאָגט — די מאַסן, וואָס שטופּן זיך צו עמיגראַציע, נישט געפינענדיק קיין וועג צו איר, ווערן היינט דערשטיקט, איז יעדע דערשיינונג, וואָס איז מסוגל צו עפענען אַ שפּאַלט אין די פאַרשפּאַרטע טויערן פון די אימיגראַציע-לענדער, פון אַ ערשטקלאַסיקער באַדייטונג און דאַרף תיכף און אויף אַ מאַקסימאַלסטן אופן אויסגענוצט ווערן. דאָס קאָן אָבער דורך פּריוואַטע, זאָל זיין די בעסטע אָרגאַניזאַציעס נישט דערגרייכט ווערן, צו דעם דאַרף מען האָבן אַ אָרגאַניזירטע פאָלקס-געמיינשאַפט, וואָס זאָל האָבן כמעט אַ עפנטלעך-

רעכטלעכן כאַראַקטער. בײַ אַנדערע פעלקער האָט זיך די מדינה געמוזט אַרײַנמישן, כּדי צו דערלײַכטערן דעם גורל פון עמיגראַנט און כּדי אויסצוקעמפן פאַר אים בעסערע לעבנס- און אַרבעטס-באַדינגונגען אין פרעמדן לאַנד; בײַ אונדז מוז קומען די דאָזיקע אינטערווענץ פון אָרגאַניזירטן פאָלק. אויך דאָ ליגט אַ טיפער צוזאַמענהאַנג צווישן געדאַנק פון אַ ייִדישן וועלט-קאָנגרעס און צווישן דער ייִדישער עמיגראַציע-פּאָליטיק.

מיר וועלן זיך צו די אײנצעלנע פראַגן נאָך אומקערן אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען. לעת עתּה דאַרפן די פאָר באַמערקונגען זײַן גענוג, כּדי צו באַרעכטיקן די באַדײַטנדיקע פּאָזיציע, וואָס די ייִדישע עמיגראַציע-פראַגן דאַרפן פאַרנעמען אויפן ייִדישן וועלט-קאָנגרעס און כּדי צו דערקלערן דעם זין פון דער דאָזיקער בראָשור.

ב. דער איצטיקער פּרצוף פון ייִדישן עמיגראַציע-פּראָבלעם.

כּדי צו פאַרשטיין דעם אמתן זין פון ייִדישן עמיגראַציע-פּראָבלעם אין איצטיקן מאָמענט, וועלן מיר אַמבעסטן מאַכן אַ דאָפּלטן פאַרגלײַך מיט דער תּקופֿה פאַר דער וועלט-מלחמה: קודם-כּל — וואָס איז שײַך די צאָל עמיגראַנטן און דער ריכטונג פון זײער וואַנדערונג, און דערנאָך — זײער סאָציאַלן און פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל.

די ייִדישע עמיגראַציע אין דער תּקופֿה פאַר דער וועלט-מלחמה, אָנהײבנדיק פון די ערשטע יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט, האָט אויסגעמאַכט דורכשניטלעך אַ 150 טויזנט מענטשן אַ יאָר. געגאַנגען איז זי בעיקר פון די מזרח-אײראָפּעיִשע לענדער (רוסלאַנד, עסטרײַך, רומעניע) און האָט זיך אין דער ערשטער רײ געריכטעט אין די פאַראײניקטע שטאַטן פון צפון-אַמעריקע, (דורכשניטלעך 100 טויזנט ייִדישע עמיגראַנטן אַ יאָר), אין אַ געוויסער מאָס אויך אין אַנדערע לענדער (בעיקר ענגלאַנד, אַרגענטינע און דרום-אַפריקע). די דאָזיקע פאַקטן זײַנען באַקאַנט, און מיר וועלן זיך דאָ איבער זײ לענגער נישט אָפּשטעלן.

און איצט, ווי זעט עס אויס נאָך דער וועלט-מלחמה?

לאָמיר ברענגען אַ ציפערמעסיקע צוזאַמענשטעלונג פון דער ייִדישער עמיגראַציע, לויט די אײנצלנע אימיגראַציע-לענדער, זינט דעם ערשטן נאָרמאַלן שלום-יאָר ביזן סוף 1935. דאָס בילד זעט אויס אַזוי (זע טאַבעלע 1):

אויב מיר וועלן לאָזן אָן אַ זײַט דאָס יאָר 1920, וואו קײן נאָרמאַלע עמיגראַציע איז צוליב פאַרשידענע טעכנישע און יורידישע שוועריקײטן נישט געווען מעגלעך, האָבן מיר פאַר זיך כּמעט אַ קלאָר בילד פון אַנטוויקלונג. אין יאָר 1921 איז די עמיגראַציע נאָך כּמעט דיזעלביקע, ווי אין די פאַר-

מלחמה־יאָרן. פֿון דעם דאָזיקן יאָר און ווייטער הויבט זי זיך אָן אַלץ מער צו פֿאַרקלענערן, ברעכנדיק זיך דריי מאָל שאַרף איבער: איינמאָל נאָכן יאָר 1921, דאָס צווייטע מאָל נאָכן יאָר 1924 (די גרויסע יידישע איינוואַנדערונג קיין א״י אין 1925 יאָר פֿאַרווישט אַביסל דאָס בילד, אָבער עס בלייבט נאָך אַלץ קלאָר גענוג) און דאָס דריטע מאָל נאָך די יאָרן 1929־30. מיר ווייסן וואָס באַטייטן די דאָזיקע דריי דאַטעס: דאָס זיינען די דאַטעס פֿון די אַמעריקאַנער קוואָטע־געזעצן. דאָס צומאַכן די טויערן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פֿאַרן יידישן וואַנדערער. די פֿאַרבעסערונג פֿון די ציפֿערן אין די לעצטע יאָרן, אָנהייבנדיק פֿון 1933, האָט נישט קיין שייכות צו דער אַלגעמיינער עמיגראַציע־קאָניונקטור, זי איז, ווי מען זעט דאָס, פֿאַרגלייכנדיק די איינצעלנע לענדער, נאָר אַ רעזולטאַט פֿון דער געוואַלטיק פֿאַרגרעסערטער איינוואַנדערונג קיין א״י. אין די ענגע ראַמען פֿון דער היינטיקער יידישער עמיגראַציע הויבט אָן א״י צו שפּילן אַלץ מער דיזעלביקע ראָלע, וואָס עס האָבן געשפּילט די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין דער תּקופֿה פֿאַר דער וועלט־מלחמה. אַ גרויסע דערלייכטערונג, אָבער אוודאי נאָך נישט קיין לייזונג פֿון דער יידישער עמיגראַציע־פֿראַגע.

ווי געזאָגט, נעמט זיך די דאָזיקע סיטואַציע קודם כּל פֿון די אַמעריקאַנער קוואָטע־געזעצן, וואָס האָבן געוואַלטיק פֿאַרקלענערט די אימיגראַציע אין לאַנד בכלל און קודם כּל די אימיגראַציע פֿון די מזרח־אייראָפּעישע לענדער. עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז נאָר דאָ האָבן זיך פֿאַרמאַכט די מעגלעכקייטן פֿון אַן עמיגראַציע. דעם ביישפּיל פֿון צפֿון־אַמעריקע האָבן שנעל נאָכגעמאַכט אויך אַנדערע וויכטיקע אימיגראַציע־לענדער, בפֿרט אין די לעצטע יאָרן, זינט דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט אָנגעהויבן בושעווען אין דער וועלט. אַזוי איז — כּדי צו דערמאָנען נאָר די וויכטיקערע לענדער פֿאַר דער יידישער עמיגראַציע דרום־אַפֿריקע זינט 1930 אין גאַנצן צוגעמאַכט פֿאַר דער עמיגראַציע פֿון די מזרח־אייראָפּעישע לענדער; אויסטראַליע איז פֿאַרמאַכט פֿאַר אַלעמען, אַ חוץ ענגלישע בירגער; קאַנאַדע לאָזט אַריין נאָר באַשטימטע קאַטעגאָריעס — נאָענטע קרובים פֿון אירע בירגער, לאַנדווירטן און הויזדינסטן; בראַזיליע האָט איינגעפֿירט זינט 1934 אַ קוואָטע־סיסטעם און מאַכט אַ חוץ דעם אַלץ נייע אַדמיניסטראַטיווע שוועריקייטן פֿאַר דער איינוואַנדערונג; דאָס אייגענע איז נוגע אויך אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן פֿון וועלכע דאָס אַזוי וויכטיקע פֿאַר יידישער עמיגראַציע אַרגענטינע שיצט זיך אויך אַנטקעגן דער איינוואַנדערונג מיט שטרענגע איינרייזע־וויזעס, מאַכנדיק אויף אַזאַ אופֿן אוממעגלעך אָדער כּמעט אוממעגלעך די אימיגראַציע פֿון נישט פֿאַרמעגלעכע עלעמענטן.

כּדי צו מאַכן דאָס בילד נאָך בולטער, לאָמיר איבערגיין פֿון די אימיגראַציע־לענדער צו יענע לענדער, פֿון וועלכע עס גיסט זיך, אָדער לכל הפּחות דאַרף זיך גיסן, דער שטראָם פֿון דער יידישער עמיגראַציע. מיר וועלן זיך דאָ בעיקר באַגרעניצן מיט דעם היינטיקן יידישן הויפּט־עמיגראַציע־לאַנד — פּוילן, פֿון וואַנען עס רעקרוטירט זיך היינט מער ווי די העלפֿט פֿון דער גאַנצער

טאבעלע 1.

יידישע עמיגראציע אין די נאכמלחמה־יאָרן 1920—1935.

יאָר	פאראייניקטע שטאַטן	ארץ־ישראל	ארגענטינע	קאנאדע	בראזיליע	אורוגוואי	דרום־אפריקע	אנד. לענדער	סך־הכל
1920	14.292	7.129	2.071	116	—			1.000	24,608
1921	119,036	8.517	4.095	2.763	—			1,000	135.411
1922	53.524	9.481	7.198	8.513	—			1.000	79.716
1923	49.719	9.478	13.701	3.055	—			2,000	77.953
1924	49,989	16.297	7.800	4.407	—			6,000	84.493
1925	10.292	36.933	6.900	4.493	2.624			5.000	66,242
1926	10.267	14.656	7.546	4,863	3.901	1.000	1.416	2.560	46.209
1927	11.483	3.450	9.681	4.766	4.167	1.000	1.812	3.500	39.659
1928	11.639	2.178	6.852	3.848	3.193	1,500	2.293	7.433	38.936
1929	12.479	5.249	5,986	4.164	5.610	2.400	2.788	6.546	45.222
1930	11.526	4.944	7.805	3.421	3.558	1.600	1.881	4.683	39.418
1931	5.692	4.076	3.553	649	1.985	1.250	885	4.749	22.838
1932	2.755	9.553	1.747	772	2.049	1,083	676	1.800	20.435
1933	2,372	31.977	1.962	943	3.317	411	745	4.200	45.927
1934	4.134	42.359	2.215	624	3.794	500	1.123	5.500	60,249
1935	5.000	61.541	3.159	569	1.759	560	1.550	7.400	81.538
ס"ה	**374.199**	**267.818**	**92,371**	**47.966**	**35.967**	**11.304**	**15.169**	**64.371**	**928.854**

יידישער עמיגראַציע, בעת די עמיגראַציע פון די אַנדערע לענדער (קודם כּל פון רומעניע און פון ליטע, אַביסל אויך פון לעטלאַנד און פון סאָוויעט-רוסלאַנד, אין די לעצטע דריי יאָר אויך פון דייטשלאַנד) שפּילט אַ סך אַ קלענערע ראָלע.

אַזוי זעט אויס די יידישע עמיגראַציע פון פּוילן אין דער תקופה נאָך דער וועלט=מלחמה:

טאַבעלע 2.

יאָר	אַלגעמיינע צאָל יידישע עמיגראַנטן פון פּוילן
1921—25	184.500
1926	23.393
1927	18.414
1928	18.591
1929	24.864
1930	17.631
1931	9.167
1932	8.640
1933	16.917
1934	19 026
1935	30.253
סך הכּל ביז סוף 1935 —	200.516

מיר זעען אַלזאָ אויך דאָ אַ כּסדרדיקע ירידה פון דער צאָל עמיגראַנטן ביז צו דער קאַטאַסטראָפאַלער ציפער פון 1932. אין די וויטערדיקע דריי יאָר פאַרבעסערט זיך די סיטואַציע, אָבער נאָר אַ דאַנק א״י. אַ באַוויז איז די יידישע עמיגראַציע פון פּוילן אין יאָר 1935, געאָרדנעט לויט די איינצלנע לענדער:

טאַבעלע 3.

יידישע עמיגראַציע פון פּוילן אין יאָר *1935*.

לאַנד	צאָל עמיגראַנטן
קאַנאַדע	541
פאַרייניקטע שטאַטן	735
קובא	252
מעקסיקע	103
אַרגענטינע	2.022
בראַזיליע	1.060
אורוגוואי	299
ארץ=ישראל	24.758
אויסטראַליע	37
אַנדערע	446
סך הכּל	30.253

אַ חוץ אַרגענטינע און בראַזיליע — אַלץ גאַנץ קליינע ציפערן פון אַ פּאָר הונדערט עמיגראַנטן. די פּאַראייניקטע שטאַטן שטייען אויפן פערטן פּלאַץ אין דער ריי פון די אימיגראַציע-לענדער, אויסמאַכנדיק קוים אַ דרייסיקסט-חלק פון דער יידישער עמיגראַציע קיין א״י.

און כּדי מיר זאָלן נישט מיינען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ אויסנאַם-פאַל און אַז אין אַנדערע לענדער איז די סיטואַציע אַ בעסערע, וועלן מיר ברענגען נאָך אַ פּאָר ציפערן פון די צוויי אַנדערע מזרח-אייראָפּעישע עמיגראַציע-לענדער — ר ו מ ע נ י ע און ל י ט ע פאַר די לעצטע פאַר יאָר:

טאַבעלע 4.

יידישע עמיגראַציע פון רומעניע און ליטע אין די יאָרן *1934—1928*

יאָר	רומעניע	ליטע
1928	3.288	2.700
1929	4.544	2.846
1930	3.269	1.781
1931	1.282	1.128
1932	822	717
1933	709	1.020
1934	863	1.101

דאָס בילד איז אַלזאָ, הגם אין אַ סך קלענערן מאַסשטאַב, דאָס אייגענע, ווי אין פּוילן. אויך דאָ זעען מיר אַ פסדרדיקע פאַרקלענערונג פון דער יידישער עמיגראַציע ביז צו די סאַמע לעצטע יאָרן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו פּ ו י ל ן. אויב מיר נעמען אין אַכט, אַז פון שטח פון היינטיקן פּוילן האָבן עמיגרירט אין די יאָרן פאַר דער וועלט-מלחמה אַן ערך 50—60 טויזנט יידן אַ יאָר, מאַכט אויס די היינטיקע עמיגראַציע פון דורכשניטליך 18 טויזנט א יאָר בערך פון אַ דריטל ביז אַ פערטל פון דער עמיגראַציע פאַר דער וועלט-מלחמה. זי נעמט אַלזאָ פון פּוילן אַוועק נישט מער ווי די העלפט פון דער נאַטירלעכער פאַרמערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג (אַן ערך 35 טויזנט אַ יאָר).

דאָס פירט אונז צום צווייטן הויפּט-מאָמענט פון עמיגראַציע-פּראָבלעם. מיר האָבן ביז איצט גערעדט וועגן די עמיגראַציע-מ ע ג ל י כ ק י י ט ן; איצט לאָמיר דערמאָנען מיט אַ פּאָר ווערטער די עמיגראַציע-נ ו י ט, דאָס הייסט די צאָל מענטשן, וואָס דאַרפן עמיגרירן, כּדי זיך אַליין צו שאַפן אַן

עקזיסטענץ אין די אַנדערע לענדער און גלייכצייטיק צו פאַרלייכטערן די
סיטואַציע פון די צוריקגעבליבענע. אין דער תקופה פאַר דער וועלט-מלחמה
האָבן זיך די ביידע באַגריפן כמעט ווי געדעקט. ווער עס האָט געוואָלט
עמיגרירן, האָט עמיגרירט, אויב ער איז נאָר נישט געווען אַ צו גרויסער
שלים־מזל, בפרט אַז עס האָבן נישט געפעלט קיין געזעלשאַפטלעכע אינ-
סטיטוציעס, וועלכע האָבן שטאַרק געהאָלפן דעם עמיגראַנט, און וואָס די
וועלט איז געשטאַנען אָפן פאַר אים. היינט איז די סיטואַציע גאָר אַן
אַנדערע. אויב די יידישע עמיגראַציע פון פוילן האָט זיך פאַרקלענערט ביז
אויף אַ דריטל אָדער אַ פערטל פון דעם פאַרמלחמהדיקן פאַרנעם,
איז דאָס נישט צוליב דעם, ווייל נאָר אַ דריטל פון יענער צאָל וויל
עמיגרירן. דאָס דרינגט שוין קלאָר אַרויס פון דעם, וואָס איז פריער גע-
זאָגט געוואָרן. פאַרקערט, די עקאָנאָמישע סיטואַציע פון די מזרח-אייראָפעישע
יידן האָט זיך אין פאַרגלייך מיט דער פאַר-מלחמה-צייט קאָמפּליצירט אויף
אַ גאַנץ אומדערטרעגלעכן אופן. נישט דאָ איז דער פלאַץ אַרומצורעדן די
פרטים פון דער אויסוואָרצלונגס-פּאָליטיק, וואָס ווערט געפירט קעגן דער
יידישער באַפעלקערונג אין די מזרח-לענדער, און אין אייניקע צענטראַל-
אייראָפעאישע לענדער און וואָס האָט אין פוילן דערגרייכט איר העכסטע
מדרגה. עס זיינען וועגן דעם פאַרעפנטלעכט געוואָרן גענוג סטאַטיסטישע
אַ־בעטן אין די לעצטע יאָרן. דאָ וועט גענוג זיין צו דערמאָנען, אַז לויט
בערכדיקע און פאָרזיכטיקע שאַצונגען (די רעזולטאַטן פון דער פוילישער
פאָלקס-ציילונג פון יאָר 1931, וואָס שייך דער פראָפעסיאָנעלער סטרוקטור
פון דער באַפעלקערונג, זיינען ביז היינט נאָך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן)
זיינען היינט פאַראַן אין פוילן אַ קימא-לן פון 300 טויזנט יידן אָן
אַ פראָפעסיע און אָן פרנסה, און די צאָל פראָפעסיאָנעל פאַסיווע ד. ה. פון
די, וואָס פאַרדינען אַליין נישט, נאָר זיינען אַרבעטסלאָז אָדער אָפּהענגיק
פון אַנדערע, מאַכט אויס אַן ערך 2.410.000 ד. ה. 76% פון דער יידישער
באַפעלקערונג אין לאַנד. אויב מיר וועלן זיין זייער פאָרזיכטיק און פון דער
דאָזיקער צאָל נעמען נאָר די העלפט, אַלס די וואָס וואָלטן געקאָנט אַרבעטן
און מפרנס זיין זייערע משפחות, קומען מיר אַלץ צו אַ צאָל פון אַ מיליאָן
מיט צוויי־הונדערט טויזנט יידן אין פוילן, וואָס לעבן אין גרויס דחקות,
נישט האָבנדיק קיין מעגליכקייט פון נאָרמאַלן לעבן. די גרעסטע מערהייט
פון זיי זיינען זיכער קאַנדידאַטן אויף עמיגראַציע, און אפילו אויב מיר
זאָלן פאַרטיילן די דאָזיקע צאָל אויף צען יאָר, קומט אַלץ אויס, אַז די
יידישע עמיגראַציע פון פוילן וואָלט געדאַרפט זיין צוויי מאָל אַזוי שטאַרק,
ווי פאַר דער וועלט-מלחמה, כדי צו באַפרידיקן די דרינגנדסטע נויטן פון
דער באַפעלקערונג. מען דאַרף נאָר אַקעגנשטעלן די דאָזיקע צאָל פון 120
טויזנט פּאָטענציעלע עמיגראַנטן מיט די 18 טויזנט, וואָס האָבן די מעגלעכקייט

צו עמיגרירן, כדי צו פאַרשטיין די גאַנצע טראַגיק פון דער סיטואַציע.

אָבער מיט די דאָזיקע ציפערן אַליין שעפט זיך נישט אויס דאָס גאַנצע פּראָבלעם, ווייל אין פּוילן עקזיסטירט נישט נאָר אַ יידישע, נאָר אויך אַ אַלגעמיינע עמיגראַציע-פּראָגע. פּוילן איז פאַר דער וועלט-מלחמה געווען אַ טיפּישע עמיגראַציע-לאַנד. די פּוילישע עמיגראַציע אין די מעבר-לים לענדער איז געווען קוואַנטיטאַטיוו נאָך שטאַרקער, איידער די יידישע, אויסמאַכנדיק אַן ערך 150 טויזנט אַ יאָר. נאָך שטאַרקער איז געווען די קאָנטינענטאַלע וואַנדערונג, וואָס האָט אַרומגענומען אַ האַלבן מיליאָן יערלעך, זייענדיק אָבער בעיקר אַ סעזאָן-וואַנדערונג. נאָך דער וועלט-מלחמה האָט זיך די דאָזיקע עמיגראַציע, בפרט אין די לעצטע יאָרן, געוואַלטיק פאַרקלענערט, נאָכמער איידער די יידישע. קודם כל זיינען אָפּגעפאַלן די פּאָליטישע גורמים פון עמיגראַציע, וואָס האָבן געשפּילט אין די רוסישע צייטן אַ גאַנץ באַ-דייטנדיקע ראָלע. וואָס איז שייך אָבער די עקאָנאָמישע גורמים, וואָס דריקן אויף דער עמיגראַציע, האָבן זיי נישט קיין קלענערע השפעה אויף דער פּוילישער עמיגראַציע, ווי אויף דער יידישער. די קוואָטע-געזעצן און די אַדמיניסטראַטיווע באַגרענצונגען זיינען חל אויף פּאָלאַקן נישט ווייניקער ווי אויף יידן, און די קאָנטינענטאַלע וואַנדערונג, וואָס איז אין די יאָרן נאָך דער וועלט-מלחמה געגאַנגען בעיקר קיין פראַנקרייך, האָט זיך אין די לעצטע יאָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין פראַנקרייך כמעט ווי אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. קעגן די דאָזיקע פאַרקלענערטע עמיגראַציע-מעגלעכקייטן שטייט אַ שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס אין לאַנד, וואָס מאַכט זינט אַ פּאָר יאָר אַ תל פון פּוילן, און עס שטייט, וואָס איז נאָך טראַגישער, אַ יערלעכער נאַטירלעכער צוואַוקס פון אַ קנאַפּן האַלבן מיליאָן מענטשן, וואָס האָבן נישט וואָס צו טון אין לאַנד. נישט קיין ווּנדער אַלזאָ, וואָס די נויט אין לאַנד וואַקסט פון יאָר צו יאָר, וואָס די מיליאָנען-מאַסן פון פּוילישע פּויערן הונגערן אין ביכשטעבלעכסטן זין פון וואָרט, וואָס עס פאַרגרעסערט זיך כסדר דער דראַנג פון דאָרף אין שטאָט און אין דער שטאָט גופא, צוליב דער שווערער אַרבעטסלאָזיקייט אין דער אינדוסטריע, שטופּט מען זיך אַלץ מער צום מיטלשטאַנד, בעיקר צום קליינעם מיטל-שטאַנד אין האַנטווערק און האַנדל, ווו מען שטויסט זיך אָן נאַטירלעך אויף שריט און טריט אויף דער יידישער קאָנקורענץ. אָט דאָ ליגט איינע פון די הויפּט-סיבות פון דער קאַטאַסטראָפאַל פאַרגרעסערטער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין די לעצטע יאָרן, וואָס איז געווענדעט קעגן די יסודות פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן.

מיר האָבן ציטירט קודם-כל דעם ביישפּיל פון פּוילן, ווייל דאָ באַ-קומט די דערשיינונג, צוליב דעם גרויסן היקף אירן און צוליב די גרויסע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג, זייער אַ טראַגישן פּרצוף, אָבער עס

איז נישטאָ קיין ספק, אַז דאָס אייגענע באַציט זיך אויך אויף די אַנדערע מזרח-אייראָפּעישע לענדער אַ חוץ סאָוויעט-רוסלאַנד, קודם כּל אויף רומעניע און אויף ליטע. אויך אין די דאָזיקע צוויי לענדער בושעוועט דער עקאָנאָמישער קריזיס און אויך זיי שטייען פאַר פאַרקלענערטע עמיגראַציע-מעגלעכקייטן, וואָס קאָמפּליצירן נאָכמער די סיטואַציע אין לאַנד. גאַנץ באַזונדערס בולט קומט די דאָזיקע דערשיינונג צום אויסדרוק אין ליטע, וואָס האָט פאַר דער וועלט-מלחמה געהאַט אַ גרויסע עמיגראַציע אין די פאַרייניקטע שטאַטן און קיין דרום-אַפריקע. די דאָזיקע עמיגראַציע האָט זיך כּמעט איינגאַנצן אָפּגעשטעלט. די קאָנסעקווענצן זיינען מער ווייניקער די-זעלביקע, ווי אין פּוילן.

מיר האָבן ביז איצט, רעדנדיק וועגן דער יידישער עמיגראַציע - נויט, זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דייטשלאַנד ווייל מיר שטייען דאָ פאַר אַ גאַנץ ספּעציעלן פאַל, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער יידן-טראַגעדיע אין די מזרח-אייראָפּעישע לענדער. דאָס, וואָס קומט היינט פאָר אין דייטשלאַנד האָט נישט קיין דירעקטן שייכות נישט מיט עקאָנאָמישע פראַגן און זיכער נישט מיט עמיגראַציע-ענינים די אַלגעמיין-דייטשע עמיגראַציע איז נישט געווען איבעריק גרויס אין די יאָרן פאַר דער וועלט-מלחמה (אַן ערך 50 טויזנט אַ יאָר) און זי האָט זיך נאָך דער מלחמה, נישט געקוקט אויף די שוואַרצע נביאות פון פאַרשידענע דייטשע פּאָליטיקער און עקאָנאָמיסטן, נישט שטאַרק פאַרגרעסערט, הגם די אימיגראַציע-באַגרענצונגען אין די מעבר-לים-לענדער זיינען נישט געווען געריכטעט אַזוי קעגן דייטשלאַנד, ווי קעגן די מזרח-אייראָפּעישע לענדער. דייטשלאַנד איז ווייטער געבליבן געטריי זיין אַלטן כּלל, אַז עקספּאָרטירן דאַרף מען קודם כּל סחורות און נישט מענטשן. דאָס, וואָס איז חל אויף דייטשלאַנד אין אַלגעמיין, איז חל אויך אויף דייטשע יידן. קיין יידישע עמיגראַציע פון דייטשלאַנד האָט ביז צו די סאַמע לעצטע יאָרן אין גאַנצע נישט עקזיסטירט. פאַרקערט, דייטשלאַנד איז געווען פאַר יידן אַן אימיגראַציע-לאַנד, אַריינגעמענדיק יאָר-יערלעך אַ פּאָר טויזנט יידן פון די מזרח-אייראָפּעישע לענדער (אין די יאָרן 1881—1925 האָבן איינגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד 80 טויזנט יידן, אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז שוין די יידישע איינוואַנדערונג קיין דייטשלאַנד געווען אַ מינימאַלע), און די פאַרשידנסטע הילפס-געזעלשאַפטן פאַר עמיגראַנטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך די דייטשע יידן, האָבן זיך בעיקר פאַרנומען מיט יענער אימיגראַציע אָדער מיט דער יידישער דורכוואַנדערונג איבער דייטשלאַנד. די היטלער-ממשלה האָט געמאַכט מיט איינמאָל אַ סוף צו דעם דאָזיקן מצב, שטעלנדיק פאַר די דייטשע יידן צום ערשטן מאָל זינט יאָר-צענדליקער מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע פון עמיגראַציע. נישט דער עקאָנאָמישער צוואַנג איז דאָ דער ענטשיידנדער, יעדנפאַלס נישט דער דירעקטער עקאָנאָמישער צוואַנג. די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס

מוזן עמיגרירן פון דייטשלאַנד, זייַנען געצוווּנגען צו דעם קודם כּל דורך דעם שאַרפן אַנטיסעמיטישן דרוק, וואָס ריכטעט זיך אַזוי גוט קעגן די עקאָנאָמישע, ווי אויך קעגן די פּאָליטישע און די קולטורעלע יסודות פון דייטשן יידנטום. און דוקא צוליב דעם איז אַזוי שווער צו באַשטימען דעם אמתן היקף פון דער דייטש-יידישער עמיגראַציע-נויט. הגם עס זייַנען שוין אַוועק פון דייטשלאַנד אין פאַרלויף פון די לעצטע דריי יאָר אַ פופציק טויזנט יידן און הגם די יידן אין דייטשלאַנד מאַכן אויס אין איצטיקן מאָמענט זיכער נישט אַ סך מער איידער אַ האַלבן פּראָצענט אין פאַרגלייַך מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָט זיך די סיטואַציע פון די צוריקגעבליבענע נישט פאַרבעסערט מיט קיין האָר. מען וויל אין דייטשלאַנד פּטור ווערן פון אַלע יידן און נישט נאָר צוליב עקאָנאָמישע טעמים. דאָס קאָמפּליצירט נאַטירלעך זייער דעם עמיגראַציע-פּראָבלעם פון דייטשע יידן. אמת, פאַר זיי זייַנען די אימיגראַציע-לענדער נישט אַזוי פאַרשפּאַרט מיט זיבן שלעסער, ווי פאַר די יידן פון מזרח-אייראָפּע, אָבער דערפאַר שטייט פאַר זיי מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע פון זייער פּראָפעסיאָנעלער נישט-צוגעפּאַסטקייט צו עמיגראַציע, וואָס איז נישט ווייניקער קאָמפּליצירט, איידער די פראַגע פון פאָרמעלע אָדער פון אָרגאַניזאַציאָנעלע מעגלעכ-קייטן, על אחת כמה וכמה וואָס זי קאָמבינירט זיך מיט זיי אויף שריט און טריט.

און דאָס פירט אונז טאַקי צום פּראָבלעם פון סאָציאַלן און פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון דער יידישער עמיגראַציע, מיט וועלכן מיר ווילן אָפּשליסן דעם דאָזיקן קאַפּיטל. אויך אין דער דאָזיקער באַציאונג איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין די יאָרן נאָך דער וועלט-מלחמה, און אויך די ענדערונג איז געווען נישט צום גוטן. די יידישע עמיגראַציע אין די יאָרן פאַר דער וועלט-מלחמה איז געווען קודם כּל אַן עמיגראַציע פון אַרבעטס-מענטשן. פון די עקאָ-נאָמיש אַקטיווע יידן, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין די יאָרן 1900–1925, זייַנען געווען 60,3% טעטיקע אין דער אינדוסטריע און נאָר 10,1 אין האַנדל. אין פאַרגלייַך מיט דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון די יידן אין די עמיגראַציע-לענדער, איז זייער אַנטייל אין דער אינדוסטריע געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן צוויי מאָל אַזוי גרויס, און זייער אַנטייל אין האַנדל דריי מאָל קלענער. אמת אַ גרויסער טייל פון די איינגעוואַנ-דערטע יידן (41.5, צוויי מאָל העכער, ווי ביי דער נישט-יידישער איינוואַנ-דערונג) זייַנען רעגיסטרירט געוואָרן, ווי מענטשן אָן פּראָפעסיע, דאָס שטייט אָבער נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון די איינגעוואַנדערטע, נאָר מיט דעם פאַקט, וואָס די יידישע עמיגראַציע להיפּוך צו דער עמיגראַציע פון אַנדערע פעלקער איז געווען בעיקר אַן עמיגראַציע פון משפחות, וואו די צאָל פרויען און קינדער איז געווען גאָר אַ גרויסע. ס'איז אָבער גענוג צו דערמאָנען, אַז אין די יאָרן 1900 – 1925 האָבן איינגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן קנאַפּע זעקס-מאָל הונדערט טויזנט

יידן באַשעפטיקטע אין דער אינדוסטריע, אויסמאַכנדיק העכער א דריטל פון אַלע אימיגראַנטן פון דער קאַטעגאָריע, בשעת אין דער אַלגעמיינער צאָל פון די עקאָנאָמיש אַקטיווע עלעמענטן האָבן די יידן אויסגעמאַכט ווייניקער ווי א צענטל. זייער פּראָפּאָרציאָנעלער אַנטייל אין דער אינדוסטריע איז אַלזאָ געווען פיר מאָל העכער, איידער דער אַנטייל פון די אַנדערע אימיגראַנטן, און הגם די דאָזיקע אינדוסטריעלע טעטיקייט איז געווען זייער א איינזייטיקע (העכער 60% פון די אינדוסטריעל באַשעפטיקטע יידישע אימיגראַנטן זיינען געווען קאָנצענטרירט אין דער שניידעריי), איז פונדעסטוועגן דער דאָזיקער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל געווען א גרוואַלטיקער פּראָגרעס לגבי דער פּראָפעסיאָנעלער גלידערונג אין די עמיגראַציע-לענדער. עס האָבן אַלזאָ אין די יאָרן פאַר דער וועלט-מלחמה עמיגרירט בעיקר האַנטווערקער און אַרבעטער, אָדער לכל הפחות קאַנדידאַטן אויף אַרבעטער, און דאָס האָט געהאַט א דאָפּלטע פּאָזיטיווע באַדייטונג, ווייל ערשטנס האָט עס דערלייכטערט דאָס איינוואָרצלען זיך אין נייעם לאַנד, און צווייטנס האָט עס פאַרייגעמאַכט פּלעצער אין די עמיגראַציע-לענדער און געשאַפן דאָרט ברייטערע מעגלעכקייטן פאַר איבערגאַנג פון יידן צו פיזישער אַרבעט.

אין די יאָרן נאָך דער וועלט-מלחמה האָט זיך דאָס אַלץ ראַדיקאַל געביטן. קודם כל איז שטאַרק געוואַקסן דער פּראָצענט פון מענטשן אָן פּראָפעסיעס. אין יאָר 1914 האָט דער דאָזיקער פּראָ..ענט אויסגעמאַכט 36,9 אין יאָר 1921 שוין 56,2 און אין יאָר 1925 — 59 (די ציפערן באַציען זיך צו דער יידישער איינוואַנדערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן). דער פאַרגרעסערטער פּראָצענט פון די עקאָנאָמיש פּאַסיווע דערקלערט זיך מיט די שאַרפע באַגרענצונגען פון אימיגראַציע אין דאָס רוב מעבר-לים-לענדער, וואָס האָט גורם געווען, אַז אין א סך פון זיי (קודם כל אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָבער אויך אין קאַנאַדע, לעצטנס אויך אין די דרום-אַמעריקאַנישע לענדער) לאָזט מען קיין פּראָפעסיאָנעל אַקטיווע נייע עלעמענטן נישט אַריין, נאָר קרובים פון איינוואוינער, וואָס זיינען אין דאָס רוב פאַלן מענטשן אָן פּראָפעסיע (פרויען, קינדער א. א. וו.). נאָר אין א פּאָר לענדער, קודם כל אין א״י, אַביסל אויך אין די דרום-אַמעריקאַנער לענדער, גייט היינט נאָך אַן עמיגראַציע פון עקאָנאָמיש-אַקטיווע עלעמענטן, אָבער אויך דאָרט פאַרערגערט זיך די סיטואַציע פון יאָר צו יאָר. אַלס א בולטן ביישפּיל קאָן מען אָנגעבן אויך די עמיגראַציע פון פּוילן קיין א״י, וואו דער פּראָצענט פון עקאָנאָמיש-אַקטיווע האָט אויסגעמאַכט אין יאָר 1929 — 59,6, אין יאָר 1933 אָבער שוין נאָר 47,0. עס איז קלאָר: די יידישע אימיגראַציע אין דאָס רוב לענדער האָט זיך אין די לעצטע יאָרן אומגעוואַנדלט פון אַן אימיגראַציע פון משפחות אין אַן אימיגראַציע פון בלויז עקאָנאָמיש-פּאַסיווע עלעמענטן; די יידישע אימיגראַציע קיין א״י האָט זיך אומגעוואַנדלט פון אַן אימיגראַציע פון בלויז עקאָנאָמיש אַקטיווע עלעמענטן אין אַן אימיגראַציע פון

משפחות. אין ביידע פאַלן איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג און אין ביידע פאַלן
— נישט לטובת דער עקאָנאָמישער פאַרפעסטיקונג פון דער יידישער באַפעל־
קערונג. אַן עמיגראַציע פון עקאָנאָמיש-אַקטיווע עלעמענטן האָט פאַר דעם עמי־
גראַציע־לאַנד אַ דרייפאַכע באַדייטונג: ערשטענס אַמאָל נעמט זי אַרויס פון לאַנד
מענטשן, וואָס ווערן דאָרט דערשטיקט אין אַרבעטסלאָזיקייט און שאַפט פאַר זיי
נייע אַרבעטס־מעגלעכקייטן אין די איינוואַנדערונגס־לענדער. צווייטנס, דער־
מעגלעכט זי אין זעהר אַ סך פאַלן צו שטיצן די איבערגעבליבענע קרובים אין
די אויסוואַנדערונגס־לענדער, וואָס האָט אַ ערשטקלאַסיקע עקאָנאָמישע באַדיי־
טונג נישט נאָר דירעקט פאַר די אונטערשטיצטע, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער יידי־
שער באַפעלקערונג אינ׳ם עמיגראַציע-לאַנד. ווייסן מיר דאָך גוט וואָס פאַרא
ראָלע עס האָבן געשפילט אין פוילן די צענטליקער טויזנטער דאָלאַרן, וואָס
זיינען געשיקט געוואָרן אַהין דורך די אַמעריקאַנער קרובים, און לערך אַן
ענלעכע ראָלע הויבן אָן צו שפילן היינט די געלט־איבערווייזונגען פון א״י.
און אחרון אחרון, די עמיגראַציע פון עקאָנאָמיש אַקטיווע צייט כמעט תמיד נאָך
זיך אַ ווייטערע עמיגראַציע, ווייל מען נעמט אַריבער צו זיך אין לויף פון דער
צייט די נאָענטערע, אַ סך מאָל אויך די ווייטערע קרובים.

די אַלע מעלות פאַלן אַוועק ביי דער עמיגראַציע פון עקאָנאָמיש פאַסיווע
עלעמענטן. זי באַטייט נישט קיין שאַפונג פון נייע אַרבעטס־פּאָזיציעס, זי פאַר־
גרעסערט נישט דעם צושטראָם פון געלט אין עמיגראַציע־לאַנד און זי שאַפט
נישט קיין נייע עמיגראַציע־מעגלעכקייטן. די באַדייטונג פון דער אַזוי שטאַרק
פאַרקלענערטער יידישער עמיגראַציע אין דער נאָכמלחמה־צייט פאַלט אַלזאָ נאָך
מער צוליב דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון די עמיגראַנטן.

נישט ווייניקער וויכטיק און נישט ווייניקער שעדליך זיינען די ענדערונ־
גען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל
פון די עמיגראַנטן. מיר האָבן דערמאָנט דעם גוטן צוזאַמענשטעל פון פאַר דער
מלחמה. היינט האָט זיך אויך דאָס געביטן. אפילו דער קלענער טייל פון עקאָ־
נאָמיש־אַקטיווע עלעמענטן, וואָס האָבן היינט יאָ די מעגליכקייט צו עמיגרירן,
רעקרוטירן זיך פון אַנדערע קרייזן ווי דעמאָלס. ס׳איז גענוג צו פאַרגלייכן דעם
באַשטאַנד פון די יידישע עמיגראַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין די דריי
יאָר 1914, 1921 און 1925, דאָס מיינט אַ פאַרמלחמה יאָר, אין אַ איבער־
גאַנגס יאָר און אין אַ יאָר נאָך די צוויי אַמעריקאַנער קוואָטע־געזעצן, כדי תופס
צו זיין די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען (ציטירט לויט י. לעשצינסקי:
די יידישע וואַנדערונג אין די לעצטע 25 יאָר, בערלין 1927):

טאבעלע 5.

דער באַשטאַנד פון יידישע איינוואַנדערער אין פאַרייניקטע שטאַטן אין *1914*, *1921* און *1925* (לויט פראצענטן):

	1914	1921	1925
ליבעראַלע פּראָפעסיעס	0,8	1,3	4,5
קוואַליפיצירטע פּראָפעסיעס	43,6	18,0	18,5
פאַרשידענע פּראָפעסיעס	18,7	26,5	18,0
אָן פּראָפעסיעס	36,9	56,2	59,0
צוזאַמען	100,0	100,0	100,0

הגם די אַמעריקאַנער סטאַטיסטיק איז זיכער נישט די בעסטע אויף דער וועלט און זי וואַרפט צונויף אין איין טאָפּ מענטשן מיט פאַרשידנסטע, א סך מאָל קעגנגעזעצטע פּראָפעסיעס, דרינגט פון די דאָזיקע ציפערן איין זאַך קלאָר אַרויס: די קאַטעגאָריע פון קוואַליפיצירטע פּראָפעסיעס, וואָס האָט אַרומגענומען אין די יאָרן פאַר דער וועלט-מלחמה די הונדערטער טויזנטער יידישע שניידערס און אַנדערע אַרבעטס-עלעמענטן און וואָס איז דעמאָלס געווען צוויי מאָל אַזוי שטאַרק, ווי די קאַטעגאָריע פון „פאַרשיידענע“ פּראָפעסעיס (ביי אַנדערע פעלקער — בעיקר לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, ביי יידן בעיקר — קרעמער און לופט-מענטשן), האָט שוין אויסגעמאַכט אין יאָר 1921 נאָר מיט 50% מער, און אין יאָר 1925 האָבן זיךביידע קאַטעגאָריעס אויסגעגליכן.

דעמזעלביקן בולטן בילד גיט אונז דער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער עמיגראַציע פון פוילן, וואָס איז רעגיסטרירט געוואָרן דורך דער צענטראַלער יידישער עמיגראַציע געזעלשאַפט „יעאָס“ אין פוילן אין די דריי יאָר 1927—1929:

טאבעלע 6.

פאך	1927	1928	1929
א. בעלי מלאכות	5.615	6.081	7.519
ב. שוואַרצע אַרבעטער	1.135	1.076	.1060
ג. לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער	840	1.295	1.928
ד. סוחרים	1.383	1.170	1.473
ה. האַנדלס-אָנגעשטעלטע	937	822	985
ו. פרייע פּראָפעסיעס	338	331	345
ז. פאַרשיידענע פּראָפעסיעס	2.618	345	345
ח. אומבאַשטימטע, אָן אַ פּראָפעסיע	6.591[1]	5.060[2]	7.194[3]

אויב מיר וועלן סומירן פון איין זייט די פּאָזיציעס א.-ג., וואָס נעמען

1) צאָל פרויען — אומבאַקאַנט.
2) אין דער צאָל גייען אריין 3431 פרויען.
3) אין דער צאָל גייען אריין 5631 פרויען.

אַרום פּיזיש אַרבעטנדיקע מענטשן, און פֿון דער אַנדערער זייט די פּאָזיציעס ד—ח, וואו עס זיינען אָדער פּאַרמיטלערישע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס אָדער לופֿט=פּראָפעסיעס, און אויב מיר ווען אין דיביידע יאָרן 1928 און 1929 עלימינירן פֿון חשבון פֿון די אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס אַלע פֿרויען, אָננעמענדיק, אַז דאָס זיינען געווען פֿאַרהייראַטע פֿרויען, וואָס זיינען געפֿאָרן צו זייערע מענער אָדער מיט זייערע מענער,—וועלן זיך נאָך אַלץ די ביידע סומעס כמעט אויסגלייכן. און לאָמיר דערביי נישט פֿאַרגעסן, אַז די רובריקעס „שוואַרצע אַרבעטער” און „לאַנד=אַרבעטער” (בפֿרט די לעצטע) זיינען אַביסל פֿאַרדעכטיק (פֿון וואַנען האָבן זיך חלוצים גענומען אין פּוילן אַזויפֿיל יידישע לאַנד=אַרבעטער? צי איז דער דאָזיקער באַרוף נישט אָנגעגעבן אָפּט בכדי זיך צו דערלייכטערן די עמיגראַציע?) און אַז אין אמתן איז די צאָל מענטשן אָן פּראָפעסיע געווען זיכער גרעסער, איידער זי איז אָנגעגעבן אָפֿיציעל.

אפֿילו די יידישע עמיגראַציע קיין א״י, וואָס איז תמיד געווען אַן עמיגראַציע פֿון אַרבעטס=מענטשן, האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס געביטן פֿאַר די לעצטע יאָרן. אין די יאָרן 1929 ביז 1933 איז אין דער יידישער עמיגראַציע פֿון פּוילן קיין א״י געפֿאַלן דער פּראָצענט פֿון באַשעפֿטיקטע אין דער לאַנד=ווירטשאַפֿט פֿון 15,2 ביז 3,5, דער פּראָצענט פֿון באַשעפֿטיקטע אין דער אינדוסטריע האָט זיך אַביסל געהויבן פֿון 38,0 ביז 50,1, בשעת דער פּראָצענט פֿון באַשעפֿטיקטע אין האַנדל און אין פֿרייע פּראָפֿעסיע האָט זיך צוויי מאָל פֿאַרגרעסערט — דער ערשטער פֿון 7,9 אויף 15,5, דער צווייטער פֿון 3,3 אויף 6,0.

פֿון וואַנען נעמען זיך די דאָזיקע ענדערונגען? צום טייל זיכער פֿון די שאַרפֿע עמיגראַציע=פֿאַרשריפֿטן און פֿון דער גרויסער פֿאַראָרימונג פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט געפֿירט דערצו, אַז אַ סך בעלי מלאכות און אַרבעטער זיינען מותר אויף עמיגראַציע, נישט קאָנענדיק זיך צופּאַסן צו די קאָמפּליצירטע פֿאַרשריפֿטן און נישט האָבנדיק קיין געלד אויף הוצאות. צום טייל איז אפֿשר שולדיק אין דעם דער שווערער קאַמף קעגן האַנדל, וואָס ווערט היינט געפֿירט אין די מזרח-אייראָפּעישע לענדער, אין דער ערשטער ריי אין פּוילן, און וואָס פֿאַרשטאַרקט אין די סוחרישע קרייזן די טענדענץ צו עמיגראַציע. אגב, האָט דער הענדלער, ווי ווייט ער האָט בכלל געקאָנט עמיגרירן אין די נאָכמלחמה=יאָרן, געהאַט פֿאַר זיך לכל הפּחות אַ געוויסע צייט בעסערע שאַנסן איידער פֿריער. דווקא צוליב דער געוואַלטיקער צעשפּליטערונג פֿון עמיגראַציע=שטראָם אויף צענטליקער לענדער, האָט מען לייכטער געקאָנט אַריינדרינגען אין די פֿאַרשידנסטע פֿעדלער=און הויזירער=באַרופֿן און אין געשעפֿטן אויף ראַטעס, אָדער גאָר שאַפֿן פֿונדאַסניי אַזעלכע פּראָפֿעסיעס. אַ גרויסער טייל פֿון די יידישע עמיגראַנטן איז צוליב דעם איבערגעגאַנגען צו אַזעלכע באַשעפֿטיקונגען פֿאַרפֿילנדיק זיי אין אַ קורצער צייט, אַזוי אַז אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך צוגעמאַכט אויך די דאָ=

זיקע פּאָזיציעס און דער פּראָצענט הענדלער צווישן די עמיגראַנטן הויבט אָן פונדאָסנײַ צו פאַלן. אין דער א״י־דיקער עמיגראַציע קומט אויך צום אויס־דרוק דער געענדערטער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון די אײַנוואַנדערער. כּל־זמן די אײַנוואַנדערונג איז געווען אין דער ערשטער ריי אַ חלוציש, האָט זי אויך געהאַט אַ אויסגעשפּראָכענעם אַרבעטס־כאַראַקטער. אָבער מיט דעם וואוקס פון דער עמיגראַציע פון משפחות אין די לעצטע יאָרן, וואָס איז פריער דער־מאָנט געוואָרן, האָט זיך אויך שטאַרק פאַרגרעסערט די צאָל פאַרמיטלערישע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס צווישן די אימיגראַנטן קיין א״י.

די פּראָפעסיאָנעלע אײַנזײַטיקייט פון יידישע עמיגראַנטן קומט נאָך אַ סך בולטער צום אויסדרוק אין דער דײַטש־יידישער עמיגראַציע אין די לעצטע פאָר יאָר. די דאָזיקע עמיגראַציע שפּיגלט געטריי אָפּ די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דײַטשן יידנטום. מיר האָבן ליידער נישט קיין גענויע סטאַטיס־טיק פון דער דײַטש־יידישער עמיגראַציע, ווײַל דער גרעסטער טייל פון זיי באַשטייט פון פאַרמעגלעכע און אינטעלעקטועלע עלעמענטן, וואָס עמיגרירן אָן דער הילף פון עמיגראַנטן־שוץ־אָרגאַניזאַציעס, ס׳איז אָבער גענוג צו געבן איין בײַשפּיל, כּדי צו פאַרשטיין, ווי עס זעהט אויס די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער דאָזיקער עמיגראַציע. אין פאַרלויף פון יאָר 1934 האָט דער „הילפס־פאַריין פון דײַטשע יידן״ געגעבן פינאַנציעלע שטיצע פאַר אויסוואַנדערער אין 2308 פאַלן, וואָס נעמען אַרום 3184 פּערזאָנען. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַן עמיגראַציע פון אָרימע עלעמענטן, וואָס על פּי לאָגיק וואָלט זי געדאַרפט זײַן צום גרעסטן טייל אַן עמיגראַציע פון אַרבעטס־עלעמענטן. אין דער אמתן זעט אויס די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון די דאָזיקע עמיגראַנטן אַזוי:

טאַבעלע 7.

אַקאַדעמישע פּראָפעסיעס	148 פאַלן	(191 פּערזאָנען)
סוחרים, האַנדלס־אָנגעשטעלטע, באַאַמטע א.א.וו.	662 „	1023 „
אַרבעטער, בעלי־מלאכות	349 „	492 „
הויזדינסטן, אָנגעשטעלטע אין האָטעלן	77 „	80 „
קראַנקן־פלעגערישער פּערסאָנאַל	36 „	40 „
לאַנדווירטן און לאַנד־אַרבעטער	52 „	75 „
שריפטשטעלער, קינסטלער, רעדאַקטאָרן א. א. וו.	98 „	129 „
רבנים און כּלי־קודש	9 „	20 „
שילער און סטודענטן	55 „	57 „
אָן פּראָפעסיעס	131 „	170 „
געפאָרן צו קרובים	268 „	475 „
געפאָרן זיך אויסלערנען אַ פאַך	29 „	29 „
הכשרה	346 „	355 „
קינדער קיין צפון אַמעריקע.	48 „	48 „
צוזאַמען	2308	3184

דאָס בילד איז זייער קלאָר. אויב מיר וועלן סומירן פון איין זייט די פאַרמיטלערישע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס, ווי אויך מענטשן אָן פּראָפעסיע, און פון דער אַנדערער זייט די אַרבעטס-פּראָפעסיעס, צו וועלכע מיר וועלן צורעכענען אויך דאָס צוגרייטן זיך צו פיזישער אַרבעט, וועט אויסקומען, אַז העכער 60% פון די דייטש-יידישע עמיגראַנטן זיינען מענטשן פון דער ערשטער קאַטעגאָריע, זייער צאָל איז מיט 50% העכער איידער די צאָל פון אַרבעטס-עלעמענטן.

נאַטירלעך איז די עמיגראַציע פון פאַרמעגלעכערע עמיגראַנטן נאָכמער א איינזייטיקע אין פּראָפעסיאָנעלער באַציונג. ווייסן מיר דאָך ווי גרויס איז געווען די מאַסע דייטש-יידישע דאָקטוירים, אינזשיניערן א.א.וו. וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די פאַרשידענע לענדער פון דער וועלט אין משך פון די לעצטע דריי יאָר.

דער דאָזיקער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון דער דייטש-יידישער עמיגראַציע שאַפט אַ ניי און שווער פּראָבלעם. פאַר די דייטשע יידן זיינען די טויערן פון אַ סך עמיגראַציע-לענדער נישט אַזוי פאַרשפּאַרט מיט געזעצלעכע און אַדמיניסטראַטיווע מיטלען, ווי פאַר די איינוואַנדערער פון מזרח-אייראָפּע, זיי קאָנען אָבער נישט אויסנוצן די דאָזיקע מעגלעכקייטן, ווייל זיי זיינען פאַר זיי פּראָפעסיאָנעל נישט צוגעגרייט. פון דער אַנדערער זייט האָבן די מזרח-אייראָפּעאישע יידן, הגם זיי פאַרמאָגן געניג אַרבעטס-עלעמענטן, נישט די מעגלעכ-קייט צו עמיגרירן, ווייל מען לאָזט זיי אין די אימיגראַציע-לענדער נישט אַריין. אָט אַזוי שאַפט זיך דאָ אַ פאַרכשופטער קרייז, וואָס מאַכט נאָך בולטער די טראַגיק פון יידישן עמיגראַציע-פּראָבלעם אין איצטיקן מאָמענט.

מיר קאָנען שוין אונטערפירן א סך הכל פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל. מיר האָבן באַוויזן, ווי די יידישע עמיגראַציע-מעגלעכקייטן האָבן זיך קאַטאַ-סטראָפאַל פאַרקלענערט אין דעד תקופה נאָך דער וועלט-מלחמה, בשעת די עמיגראַציע-בויט האָט זיך געוואַלטיק פאַרגרעסערט און האַלט זיך אין איין פאַר-גרעסערן פון יאָר צו יאָר. מיר האָבן אויך אָנגעוויזן אויף די ענדערונגען אין סאָציאַלן און פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון דער יידישער עמיגראַציע, וואָס אויך זיי קאָמפּליצירן שווער דאָס עמיגראַציע-פּראָבלעם, מאַכנדיק פון אים איינע פון די טרויעריגסטע און אויסזיכטסלאָזעסטע דערשיינונגען אין היינ-טיקן יידישן לעבן. צי איז נישט פאַראַן קיין אויסוועג פון דער טראַגיק פון דער דאָזיקער סיטואַציע? מיר וועלן פּרווון צו געבן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע. אָבער פריער לאָמיר געבן אַ קוק, ווי עס זעט אויס די יידישע עמיגראַציע-הילפס אַרבעט אין איצטיקן מאָמענט:

ג, די הילפס-אַרבעט פאַר יידישע עמיגראַנטן אין איצטיקן מאָמענט.

די הילפס-אַרבעט פאַר יידישע עמיגראַנטן איז, זעט אויס, נישט אַ סך ייִנגער איידער די יידישע וואַנדערונג בכלל. סיי די שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע די דאָזיקע וואַנדערונג איז כמעט תמיד פאָרגעקומען, זייענדיק געטריבן דורך רדיפות און דורך נויט, און סיי דער שטאַרק אַנטוויקלטער יידישער סאָלידאַריטעטס-געפיל האָבן גורם געווען דערצו, אַז די וואַנדערנדיקע יידן האָבן תמיד געקאָנט רעכענען אויף דער הילף פון זייערע פאָלקס-ברידער אין די איינוואַנדערונגס-לענדער און אַז עס זיינען שוין אפילו אין מיטלאַלטער געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע אינסטיטוציעס פאַר יידישע וואַנדערער, קודם כל די ערשטע עמיגראַנטן-האָטעלן אויף דער וועלט, די „הקדשים", וואָס האָבן זיך דערהאַלטן ביז צום הייַנטיקן טאָג, הגם איצט האָבן זיי שוין נישט יענע באַדייטונג, ווי פאַר יאָרהונדערטער, און הגם אין פאַרגלייך מיט די מאָדערנע סאָציאַלע הילפס-אינסטיטוציעס זיינען זיי זיכער זייער אָפּגעשטאַנען.

פונדעסטוועגן קאָן מען וועגן אַ מאָדערנער יידישער עמיגראַנטן-הילפס-אַרבעט רעדן ערשט פון סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען די יידישע עמיגראַציע האָט אָנגענומען אַ מ אַ ס ן - כ אַ ר אַ ק ט ע ר פון צענטליקער און הונדערטער טויזנטער אַ יאָר און ווען זי איז געוואָרן אַ סטאַבילע דערשיינונג, צונויפגעבונדן מיט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון יידישן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן. דער אונטערשיד צווישן דער דאָזיקער מאָדערנער הילפס-אַרבעט און צווישן די פילאַנטראָפּישע באַמיונגען פון די פריערדיקע יאָרהונדערטער איז אַלזאָ געווען אין דער ערשטער ריי איר גרויסער היקף און איר סטאַביליטעט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין שאַפן באַזונדערע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער אַרבעט אָדער לכל הפחות געווידמעט איר אַ גרויסן טייל פון זייער אַקטיוויטעט. אַ ווייטערדיקער אונטערשיד איז געווען דער, וואָס די דאָזיקע הילפס-אינסטיטוציעס האָבן זיך געשאַפן נישט נאָר אין די אוונוואַנדערונגס-לענדער, ווי פריער, נאָר אויך אין די אויסוואַנדערונגס-לענדער, געבנדיק דער עמיגראַציע אַ מער אָרגאַניזירטן כאַראַקטער און שיצנדיק דעם עמיגראַנט פאַר כאַאָס און פּאַניק פון די פריערדיקע יאָרצענטער און יאָרהונדערטער.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ אַרומצורעדן די געשיכטע פון דער יידישער עמיגראַציע-הילפס-אַרבעט אין דער תקופה פאַר דער וועלט-מלחמה. לאָמיר נאָר קורץ דערמאָנען די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן דעמאָלט געווירקט אויף דעם דאָזיקן געביט, און לאָמיר סקיצירן דעם כאַראַקטער פון זייער טעטיגקייט, כדי מאַכן מער פאַרשטענדלעך די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקו-

מען אין דער תקופה נאָך דער וועלט־מלחמה. אַלס אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער געשיכטע פון דער יידישער עמיגראַנטן־הילפס־אַרבעט קאָן מען זיכער באַצייכענען דאָס יאָר 1898, דאָס גרינדונגס־יאָר פון דער גרעסטער און ביז צום היינטיקן טאָג שטאַרקסטער יידישער הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר עמיגראַנטן, דעם אמעריקאַנער „היאַס" (ראשי תיבות פון זיין ענגלישן נאָמען Hebrew Immigrant Aid Society) וואָס האָט אין דעמאָלדיקן הויפט־געביט פון יידישער אימיגראַציע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, באַוויזן דעם נס צו שאַפן אַ דעמאָקראַטישע, אויף צענטליקער טויזנטער מיטגלידער אויפגעבויטע הילפס־אָרגאַניזאַציע. אין די אויסוואַנדערונגס־לענדער, ווי אויך אין די טראַנזיט־לענדער האָבן געווירקט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי אין דער ערשטער רייה די „יקא" (Jewish Colonization Association), די געזעלשאַפט „כל ישראל חברים" (Alliance Israélite Universelle) און דער „הילפס־פאַריין פון די דייטשע יידן". אַ חוץ דעם זיינען געווען לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס אָדער קאָמיטעטן אין איינצלנע לענדער. דער היקף פון דער טעטיקייט פון די האָזיקע אָרגאַניזאַציעס איז געווען אייגנטלעך אַ באַגרעניצטער. די הויפט־שטריכן פון דער יידישער עמיגראַציע דעמאָלט זיינען געווען פעסטגעשטעלט און האָבן זיך אין יענע יאָרן ווייניק וואָס געענדערט. די מאַסע פון די עמיגראַנטן איז געגאַנגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, שאַפן פאַר זיי פאָרמעלע איינוואַנדערונגס־מעגלעכקייטן האָט מען נישט געדאַרפט, ווייל דאָס לאַנד איז געווען אָפן, פאַרקערט, מען האָט זיך געדאַרפט באַמיען, אַז דער אויסוואַנדערונגס שטראָם זאָל נישט ווערן אַ צו שטאַרקער און אַז ער זאָל נישט קינסטלעך פאַרגרעסערט ווערן צוליב זייטיקע טעמים, וואָס האָבן מיט די אינטערעסן פון די עמיגראַנטן קיין שייכות נישט. קיין פראָפעסיאָנעלע און אפילו קיין שפראַכלעכע צוגרייטונג פאַר עמיגראַנטן האָט מען אין יענע צייטן נישט געדאַרפט האָבן, ווייל ערשטנס איז אַ גרויסער טייל פון זיי סיי ווי געקומען פון בעלי־מלאכהשע קרייזן, און צווייטנס האָבן זיי לייכט געפונען אַרבעט אין דער גרויסער קליידער־אינדוסטריע, וואו צוליב דער אַרבעטס־צעטיילונג האָט דער איינצלנער אַרבעטער קיין גרעסערע קוואַליפיקאַציעס נישט געדאַרפט האָבן. צוליב דיזעלביקע טעמים האָט אויך די שפּראַכלעכע צוגרייטונג דעמאָלט נישט געהאַט אַזאַ גרויסע באַדייטונג. דער אַרבעטער אין דער יידישער קליידער־אינדוסטריע האָט זיך שפּראַכלעך געפונען אין דער זעלביקער סביבה, ווי ביי זיך אין רוסלאַנד אָדער אין גאַליציע, ער האָט זיך לייכט געקאָנט באַגיין אָן דער נייער לאַנד־שפּראַך, צו פרנסה האָט עס אים יעדנפאַלס נישט געשאַדט. די אויפגאַבן, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר די עמיגראַנטן־הילפס־אָרגאַניזאַציעס אין יענער צייט, זיינען דעריבער געווען בעיקר פאָלגנדע:

א. אין די אויסוואַנדערונגס־לענדער:

1. צו באַשיצן דעם עמיגראַנט פאַר מאַכערס און שיפס־אַגענטן, וואָס האָבן

אים אגיטירט צו עמיגראַציע, כּדי בּיי אים אַרויסצוּנאָרן זיין געלט;

2. צו דערלעדיקן פאַר אים די פאַרשידנסטע פאָרמאַליטעטן, ווי ווייט זיי האָבן (בּפרט אין רוסלאַנד) שוין עקזיסטירט אין יענע צייטן, צו באַזאָרגן אים מיט שיפס־קאַרטן א. א. וו.

3. צו העלפן אים מאַטעריעל, אויב ער האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכ־קייט צו דעקן אַליין זיינע הוצאות.

4. צו היטן ספּעציעל פרויען און מיידלעך, וואָס זיינען אַליין געפאָרן, כּדי זיי אָפּצוּראַטעווען פאַר דער סכּנה פון פרויען־האַנדל, וואָס איז אין יענע צייטן געווען גאָר גרויס.

ב. אין די איינוואַנדערונגס־לענדער:

1. אויפצונעמען דעם עמיגראַנט, דערלעדיקן פאַר אים די ערשטע פאָר־מאַליטעטן און קודם כּל צו העלפן אים דאָרט, וואו עס האָבן אים געדראָט אַדמיניסטראַטיווע שוועריקייטן (דער עיקר באַקאַנט איז דאָ געווען די הילפס־אַרבעט פון „היאס" אויף עליס־איילאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַרשאַרפטע איינוואַנדערונגס־פאַרשריפטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין די לעצטע יאָרן פאַר דער וועלט־מלחמה).

2. צו זאָרגן פאַר דער וואוינונג פון עמיגראַנט און פאַר זיין אויפהאַלט אין דער ערשטער צייט,

3. צו פאַרשאַפן אים אַרבעט, וואָס איז אין יענע צייטן בדרך כּלל נישט געווען קיין שווערע אויפגאַבע.

מיט דעם האָבן זיך דעמאָלט אויסגעשעפּט די אויפגאַבן פון די עמיגראַנטן־הילפס־אָרגאַניזאַציעס. קיין ברייטערע סאָציאַל־פּאָליטישע געזיכטס־פונקטן זיינען פאַר זיי נישט געשטאַנען, אויב מיר נעמען נישט אין אַכט די שוואַכע און ווייניק געלונגענע פרווון נישט צוצולאָזן קיין קאָנצענטרי־רונג פון גרויסע מאַסן אין איינצלנע שטעט, נאָר צו פאַרשפּרייטן די עמי־גראַנטן אויף די געוואַלטיקע שטחים פון אימיגראַציע־לענדער. הגם די מאַ־טעריעלע סיטואַציע פון די עמיגראַנטן איז אין אַ סך פאַלן (צ. ב. אין דער אַמעריקאַנער שוויץ־אינדוסטריע) זיכער נישט געווען קיין גוטע, און הגם אין אַ ריי לענדער (קודם כּל אין איטאַליע) האָט מען שוין דעמאָלט געמאַכט פרווון צו באַשיצן דעם עמיגראַנט אַלס אַרבעטער, סיי פאַרשאַפנדיק אים בעסערע פאַך־קוואַליפיקאַציעס און סיי דורך אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן, איז אין די ראַמען פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם נישט געווען קיין זכר. מעג זיין, אז דאָ האָט געווירקט דער אַלטער יידישער אָפּטימיזם, אַז סיי ווי וועט זיך דער עמיגראַנט אַליין געבן אַן עצה. דער יידישער אַר־בעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך טאַקע סוף סוף אויסגעקעמפט בעסערע אַרבעטס־און לוין־באַדינגונגען דורך זיינע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַני־זאַציעס.

די יאָרן נאָך דער וועלט-מלחמה האָבן אין דער דאָזיקער באַציונג געבראַכט אַ דעצידירנדיקע ענדערונג. צוויי מאָל איז די דאָזיקע ענדערונג פאָרגעקומען: איינמאָל א פאַרבייגייענדיקע אין די ערשטע נאָך-מלחמה-יאָרן, און דאָס צווייטע מאָל אַ סטאַבילע. די טויזנטער און צענטליקער טויזנטער פליטים פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון פּאָגראָמען, פון הונגער און פון עפּידעמיעס, פאַרפלייצנדיק אין די ערשטע נאָכמלחמה-יאָרן פוילן, רומעניע, לעטלאַנד און קאָנסטאַנטינאָפּל האָבן געמוזט אַזוי שנעל ווי מעגלעך אַריבערגעפירט ווערן אין אַנדערע לענדער, ווייל ערשטנס האָט מען זיי נישט געוואָלט טאָלערירן אין די צייטווייליקע טראַנזיט-מדינות און צווייטנס האָבן זיי דאָרט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן. עס איז פון איין זייט געווען אַ איינציקאַרטיקע מאַסן-מאַרטיראָלאָגיע פון מענטשן, וואָס זיינען געקומען געבראָכן פיזיש, גייסטיק און מאַטעריעל און איבער וועלכע ס'האָט כסדר געשוועבט די טויט-סכנה צוריקגעשיקט צו ווערן קיין רוסלאַנד. פון דער אַנדערער זייט — א איינציקאַרטיקע אויפגאַבע פאַר הילפס-אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געדאַרפט קעמפן קעגן דער דאָזיקער סכנה און אַריבערפירן אין אַ גאַנץ קורצער צייט צענטליקער טויזנטער מענטשן אין נייע לענדער, קודם-כל טאַקי אין די פאַרייניקטע שטאַטן. אויב מיר דערמאָנען דאָ דעם דאָזיקן פעריאָד, וואָס האָט היינט נאָר אַ געשיכטלעכע באַדייטונג, איז דאָס נישט נאָר צוליב דער גאָר באַזונדערער אַרבעט, וואָס איז דעמאָלט אויפגעטון געוואָרן און וואָס פאַרדינט זיכער פאַראייביקט צו ווערן, נאָר ווייל דעמאָלט איז צום ערשטן מאָל געמאַכט געוואָרן דער פּרוּוו צו קאָנצענטרירן די אָנשטרענגונגען פון פאַרשידענע יידישע עמיגראַנטן-הילפס-אָרגאַניזאַציעס וואָס האָט דערנאָך געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג.

אַ סך וויכטיקער זיינען פונדעסטוועגן די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער טעטיקייט פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס אין צוזאַמענהאַנג מיט די שאַרפע אויסוואַנדערונגס-געזעצן פון די לעצטע יאָרן. דער פאַקט, וואָס עס האָבן זיך צוגעמאַכט פאַר דעם יידישן עמיגראַנט איין לאַנד נאָך דעם אַנדערן און וואָס אפילו די איבערגעבליבע קליינטשיקע מעגלעכקייטן זיינען פאַרבאַריקאַדירט מיט פאַרשידנסטע געזעצלעכע און אדמיניסטראַטיווע פאָרשריפטן, האָט געשטעלט דעם אפאַראַט פון עמיגראַציע-אַרבעט פאַר גאָר נייע אויפגאַבן. דאָס הייסט נישט, אז די אַלטע אויפגאַבן פון פאַרמלחמה-פעריאָד זיינען אוועקגעפאַלן, פאַרקערט די אינטענסיוויטעט פון אַרבעט ארום יענע אויפגאַבן האָט געמוזט פאַרשטאַרקט ווערן אויף א סך. די מחנה אפעריסטן און שווינדלערס, וואָס נוצן אויס די טרויעריקע סיטואַציע פון עמיגראַנט, איז נישט געוואָרן קלענער, עס זיינען צו זיי צוגעקומען נייע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט צוזאָגן רייזע-דערלויבענישן, מיט פּראָטעקציעס אין קאָנסולאַטן א. א. וו. און דער קאַמף מיט זיי איז זיכער

זייער א שווערער. פון דער אַנדערער זייט איז דאָס דערליידיקן פון פאַרמאַליטעטן פאַר די עמיגראַנטן געוואָרן א גאַנצע זייער קאָמפּליצירטע תורה, סיי צוליב די שווערע פאָרשריפטן אין די עמיגראַציע־לענדער און סיי צוליב די צענטליקער באַגרענצונגען און שיקאַנעס, וואָס ווערן געמאַכט אין די קאָנסולאַטן פון די איינרייזע־לענדער (קודם כל די אַמעריקאַנער קאָנסולאַטן) ביים דערלעדיקן די קליינע צאָל עמיגראַנטן, וואָס האָבן בכלל דאָס רעכט אַהין אַריינצופאָרן. אַ דורכשניטלעכער עמיגראַנט האָט היינט נישט די קלענסטע מעגלעכקייט זיך צו אָריענטירן אין די דאָזיקע פאָרשריפטן, און ווער רעדט נאָך וועגן דעם יידישן עמיגראַנט, וועמענס פאַפּירן זיינען כמעט קיינמאָל נישט אין אָרדנונג און וואָס באַהערשט אין אַ סך פאַלן אויך נישט די לאַנד־שפּראַך. מיר שטייען היינט אַלזאָ פאַר דער משונהדיקער דערשיינונג, אַז הגם די צאָל עמיגראַנטן, וואָס ווערן דערלעדיקט דורך די הילפס־אָרגאַניזאַציעס איז אַ סך קלענער איידער אין די יאָרן פאַר דער וועלט־מלחמה, איז די אַרבעט ביים ערלעדיקן זיי אָן אַ שיעור שווערער און קאָמפּליצירטער. דאָסזעלבע באַציט זיך אויך אויף דער מאַטעריעלער שטיצע פאַר עמיגראַנטן, וואָס האָט היינט, אין דער תקופה פון געוואַלטיקער פּויפּעריזאַציע פון מזרח־אייראָפּעישע און בפרט פון די פּוילישע יידן, זיכער נישט קיין קלענערע באַדייט איידער אין די פאַרמלחמה־יאָרן. און אויך אין די איינוואַנדערונגס־לענדער זיינען געבליבן די אַלטע אויפגאַבן פון די פריערדיקע יאָרן. אויך היינט דאַרף מען אויפנעמען די עמיגראַנטן ביי זייער אָנקומען אין די לענדער און זיי העלפן ביים דערלעדיקן די ערשטע פאָרמאַליטעטן, וואָס זיינען אַ סך מער קאָמפּליצירט, איידער איז די פריערדיקע יאָרן. אַזוי ווערן צ. ב. אין די פאַרייניקטע שטאַטן יאָר־יערלעך פאַרהאַלטן דורך די איינוואַנדערונגס־באַאַמטע הונדערטער איינוואַנדערער, פאַר וועלכע מען דאַרף זיך באַמיען, כדי כאָטש א טייל פון זיי אָפּצוראַטעווען פון דער גזירה צוריקגעשיקט צו ווערן. דאָסזעלבע קומט אויך פאָר אין קאַנאַדע און אַרגענטינע און נאָך אין אַ סך אַנדערע לענדער. און אויך דאָס איינקוואַרטירן די עמיגראַנטן, און על אחת כמו וכמה באַזאָרגן זיי מיט אַרבעט אין דער שווערער צייט פון קריזיס און פון רבעטסלאָזיקייט איז זיכער נישט קיין לייכטערע אויפגאַבע, איידער אין די די פאַרמלחמה־יאָרן. צו העם דאָזיקן קאָמפּלעקס פון די ענגערע הילפס־אויפגאַבן ; יז נאָך צוגעקומען דאָס איבערווייזן געלטער פון די איינוואַנדערונגס־לענדער (אין דער ערשטער ריי פון די פאַרייניקטע שטאַטן) צו די קרובים אין מזרח־אייראָפּע (לאָמיר אייבערגעבן, אלס בולטןביישפּיל, אז אין פאַרלויף פון צען יאָרן 1925—1935 זיינען אַריבערגעשיקט געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פון „היאס" פון אמעריקע קיין פּוילן העכער 9 מיליאָן דאָלאַר) און דאָס אויפזוכן פון קרובים דורך דער פאַרמיטלונג פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס קומט פאָר אין טויזנטער פאַלן יאָר אויס יאָר איין, אָפּראַטעווענדיק א סך משפּחות אין מזרח אייראָפּע פון הונגער און נויט און דערלייכטערנדיק אויך זייער עמיגראַציע.

און פונדעסטוועגן, ווי וויכטיק עס זאָל נישט זיין די דאָזיקע אויפגאַבע און ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די לייסטונג פון די עמיגראַנטן-הילפס-אָרגאַניזאַציעס אויף דעם געביט, שטעלט זי היינט פאָר נאָר א טייל פון זייער טעטיקייט. עס זיינען צוגעקומען נייע און שווערע אויפגאַבן אין צוזאַמענהאַנג מיט די אכזריותדיקע באַגרענצונגען פון דער עמיגראַציע אין דער תקופה נאָך דער וועלט-מלחמה. דאָס שליסן די טויערן פון איין לאַנד נאָך דעם אַנדערן, אָנהייבנדיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענדיקנדיק אין די לעצטע יאָרן מיט די דרום-אמעריקאַנישע לענדער, האָט געשטעלט די עמיגראַציע-געזעלשאַפטן פאַר דער שווערער און אחריותפולער אויפגאַבע אַרויסצוגעפינען נייע עמיגראַציע-מעגלעכקייטן און באַזאָרגן וועגן זיי מיט קאָנקרעטע אינפאָרמאַציעס די גרויסע צאָל פון קאַנדידאַטן, וואָס ווילן עמיגרירן. ס'איז היינט נישט גענוג נאָר צו רעגיסטרירן די עמיגראַנטן און צו דערלעדיקן פאַר זיי פאַרשידנסטע מער אדער ווייניקער קאָמפליצירטע פאָרמאַליטעטן; מען דאַרף זיי קודם כּל ווייזן וואוהין צו עמיגרירן, מען דאַרף זיי פאַרשאַפן גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן די אַרבעטס- און לעבנס-תנאים אין די ווייניקע איבערגעבליבענע אימיגראַציע-לענדער. מען דאַרף זיי אויך אָפּהיטן פאַר שווינדלערס און אַפעריסטן, וואָס נוצן אויס די טראַגיק פון דער היינטיקער עמיגראַציע-לאַגע, פאַרשפּרייטן פאַלשע ידיעות און גיבן צוזאָגן, וואָס קאָנען נישט אויסגעפירט ווערן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם נעמט אויך אָן די פראַגע פון פּראָפעסיאָנעלער און שפּראַכלעכער צוגרייטונג גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער. מיר האָבן פריער דערמאָנט פאַרוואָס די דאָזיקע פראַגן האָבן אין דער תקופה פאַר דער וועלט-מלחמה נישט געהאַט אַזאַ גרויסע באַדייטונג. היינט איז דאָס שוין אַנדערש. דער באַדאַרף אין נישט-קוואַליפיצירטע אַרבעטס-כּוחות האָט זיך פאַרקלענערט ביז א מינימום, עס זיינען אָבער פאָרט געבליבן געוויסע מעגלעכקייטן פאַר לאַנדווירטן און פאַר קוואַליפיצירטע אַרבעטער און בעלי-מלאכות. צווישן די מאַסן פון די פּאָטענציעלע יידישע עמיגראַנטן זיינען די דאָזיקע שיכטן גאָר קנאַפּ פאַרטראַטן. זיי דאַרפן ערשט דערצויגן ווערן, צופּאַסנדיק זיך צו די ספּעציעלע באַדערפענישן פון די אימיגראַציע-לענדער. דאָסזעלבע באַציט זיך אויך אויף דער שפּראַכן-פראַגע. דער עמיגראַנט, וואָס דאַרף היינט צעשפּרייט ווערן איבער די פאַרשידנסטע לענדער, ווו עס געפינען זיך נישט קיין גרויסע יידישע קיבוצים, און וואו ער דאַרף אריינדרינגען אין דעם נישט יידישן עקאָנאָמישן לעבן, וועט זיך אָן דער קענטעניש פון דער נייער לאַנד-שפּראַך קיין עצה נישט געבן; מען דאַרף אים אַלזאָ די שפּראַך אויסלערנען, ווי ווייט מעגליך נאָך אין די עמיגראַציע-לענדער, זיכער אָבער אין די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן אין נייעם לאַנד.

די דאָזיקע געוואַלטיק אויסגעוואַקסענע און מער קאָמפּליצירטע אויפגאַבן פון די יידישע עמיגראַציע-געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס האָבן געהאַט א ריי קאָנסעקווענצן פאַר זייער אָרגאַניזאַטאָרישן אויפבוי און פאַרן כאַראַקטער פון זייער טעטיקייט. זיי האָבן קודם-כּל גורם געווען צו א שטאַרקער פאַרגרעסערונג פון

דער צאָל אינסטיטוציעס און צו זייער קאָנסאָלידירונג. יידישע עמיגראַציע-געזעלשאַפטן אָדער אינסטיטוציעס עקזיסטירן היינט כמעט אין אַלע מזרח-אייראָפּעישע לענדער (פּוילן, רומעניע, ליטע, לעטלאַנד, דאַנציק, טערקיי) און אין אַ סך מיטל-און מערב-אייראָפּעישע לענדער (דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע, ענגלאַנד, שפּאַניע); אויך אין די אימיגראַציע-לענדער מעבר-לים איז זייער צאָל שטאַרק געוואַקסן (פאַרייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע, בראַזיליע, אורוגוואַי, פּאַראַגוואַי, טשילי, קובא), אפילו אין וויַיטן מזרח, אין כאַרבין, עקזיסטירט אַ ספּעציעלער יידישער עמיגראַציע-ביוראָ, וואָס האָט זיך פון אַ צייטווייליקן אָרגאַן אין די מלחמה-יאָרן, ווען קיין נאָרמאַלע אימיגראַציע אין די פאַרייניקטע שטאַטן דורך דעם אַטלאַנטיק איז נישט געווען מעגליך, פאַרוואַנדלט אין אַ שטענדיקער אינסטיטוציע, וואָס רעגולירט די יידישע עמיגראַציע קיין כינע, יאַפּאַן, אינדאָכינע און די אַרומיקע טעריטאָריעס.

נישט ווייניקער וויכטיק איידער דער דאָזיקער וואוקס אין צאָל פון יידישע עמיגראַציע-אינסטיטוציעס, איז די טענדענץ זיי צוזאַמענצושליסן צו איין אייגהייטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל רעגולירן די פראַגן פון יידישער עמיגראַציע אין אַלע לענדער פון דער וועלט. דער ערשטער וויכטיקער שריט אין דער דאָזיקער באַציונג איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1921, ווו אויף דער יידישער עמיגראַציע-קאָנפערענץ אין פראָג איז געשאַפן געוואָרן דער „פאַרייניקטער יידישער עמיגראַציע-קאָמיטעט” אלס אַ בשותפותדיקע פאָרשטייערשאַפט פון 27 אָרגאַניזאַציעס און 16 לענדער. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, בעקאַנט אונטער דעם קורצן נאָמען „עמיגדירעקט”, וואָס איז אָרגאַניזאַציאָנעל און אויך פינאַנציעל געווען שטאַרק אָבהענגיק פון אַמעריקאַנער „היאס”, האָט אויפגעטון אַ גרויסע אַרבעט אויפן געביט פון אינפאָרמאַציע און פון רעגולירן די יידישע עמיגראַציע פון אַלע מזרח-אייראָפּעישע לענדער, צווישן זיי אויך פון רוסלאַנד. זי האָט אויך געמאַכט די ערשטע פרוון צו קומען אין קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע רעגירונגען און אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, ווי אויך צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די עמיגראַנטן קעגן די שיפס-געזעלשאַפטן. אונטער דער אוממיטלבאַרער מיטהילף פון „עמיגדירעקט” זיינען אויפגעקומען אַ ריי עמיגראַציע-געזעלשאַפטן אין די מזרח-אייראָפּעישע לענדער, וואו די עמיגראַציע-אַרבעט איז אין די ערשטע נאָך-מלחמה-יאָרן געפירט געוואָרן דורך דעם אַמעריקאַנער „היאס”. אַ ווייטערדיקער עטאַפּ פון צוזאַמענשלוס איז געווען די שאַפונג פון דער עמיגראַציע-פאַרייניקונג „היאס”-יקא-עמיגדירעקט” (קורץ „היקעם”, אין פעברואַר 1927). די דאָזיקע פאַרייניקונג איז אויפגעקומען אין איר ערשטער פאָרם נאָך אין יאָר 1925, אלס אַ „פאַרייניקטער עוואַקואַציע-קאָמיטעט”, וועמענס אויפגאַבע איז געווען צו העלפן די זעקס ביז זיבן טויזנט יידישע

עמיגראַנטן, דער עיקר פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך געפונען שוין אויף דעם וועג אין די פאַרייניקטע שטאַטן און זיינען געבליבן שטעקן אין פאַר־שיידנכּטע האַפן־שטעט צוליב דעם פּלוצים אָנגענומענעם אין אַמעריקע באַ־שרענקונגס־געזעץ קעגן אימיגראַציע אין מאַי 1924. פון דער דאָזיקער צייט־ווייליקער, זייער דרינגענדער בשותּפותדיקער הילפס־אַרבעט איז אַרויסגע־וואַקסן אַ שטענדיקע אינסטיטוציע, וואָס נעמט אַרום כּמעט די גאַנצע אָר־גאַניזירטע יידישע עמיגראַציע־אַרבעט אין דער וועלט (זינט דעם יאָר 1935, נאָך דעם אַרויסטריט פון „עמיגדירעקט" פון דער דאָזיקער פאַרייניקונג און זיין ליקווידאַציע, איז דער נאָמען געענדערט געוואָרן אויף „היאס־ייקא־עמיגראַציע־פאַרייניקונג; געקירצט פאַרבליבן ווי פריער – „היקעם"). ס'איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז די דאָזיקע עמיגראַציע־פאַרייניקונג פירט אָן מיט דער גאַנצער, אָדער כּמעט מיט דער גאַנצער, יידישער עמיגראַציע־אַרבעט אין פאָלגענדע לענדער: פּוילן, רומעניע, ליטע, לעטלאַנד, דאַנציג, האָלאַנד, בעלגיע, ענגלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, כאַרבין, אַרגענטינע, בראַזיליע, אורוג־וואַי, פּאַראַגוואַי, קאַנאַדע, קובע, פראַנקרייך, טשילי און שפּאַניע (אין די פאַרייניקטע שטאַטן ווערט די אַרבעט געפירט נאָר דורכן „היאס"). דער בודזשעט פון „היקעם" אין די ערשטע דריי יאָר פון זיין טעטיגקייט האָט אויסגעמאַכט אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר, אַריינרעכנענדיק דאָ נאָר צום טייל דעם בודזשעט פון „היאס", וואָס מאַכט אַליין אויס קנאַפּע דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. דאָס איז אַלזאָ זייער אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע, מיט אַ גרויסן פאַרנעם און מיט גרויסע מעגלעכקייטן.

לאָמיר גיין ווייטער. אַלס אַ ווייטערדיקן פּועל־יוצא פון די געענדערטע באַדינגונגען אין דעם נאָך־מלחמה־פּעריאָד וואָלטן מיר געקענט באַצייכענען דעם פאַרשטאַרקטן געזעלשאַפטלעכן יסוד פון דער עמיגראַציע־אַרבעט. בשעת פאַר דער מלחמה איז דער דאָזיקער יסוד געקומען צו אַ שטאַרקערן אויסדרוק נאָר אין די פאַרייניקטע שטאַטן, שאַפן זיך איצט אויף אַ געזעלשאַפטלעכן באַזיס אויפגעבויטע אינסטיטוציעס כּמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט, אין דער ערשטער ריי — אין פּוילן (צענטראַלע יידישע עמיגראַציע־געזעלשאַפט „יעאַס", געגרינדעט 1924), אין רומעניע (יידישער עמיגראַציע־קאָמיטעט — 1921, יידישע עמי־גראַציע־באַנק — 1924), אין ליטע („עמיגדירעקט", געגרינדעט 1924), אַרגענ־טינע (אימיגראַנטן־שוץ־פאַריין, באַקאַנט אונטער זיין פאַרקירצטן נאָמען „סאָפּראָ־טימיס", זינט 1922), בראַזיליע (יידישער עמיגראַנטן־הילף־פאַריין, זינט 1927), אורוגוואַי (אימיגראַנטן שוץ־פאַריין) קאַנאַדע (אימיגראַנטן־הילפס־פאַריין, באַקאַנט אונטער דעם ענגלישן נאָמען „איאַס") א. א. וו. דער דאָזיקער געזעלשאַפטלע־כער כאַראַקטער פון די אימיגראַציע־אינסטיטוציעס, נישט געקוקט אויף זיין אין אַ סך נישט פאָלקאָמער פאָרם, באַדייט יעדנפאַלס אַ קאָנסעקווענץ פון אַ געוויסער קאָנצענטרירונג פון דער אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט אַרום די

עמיגראַציע־פּראָגן אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער שטאַרקער קאָמפּליצירונג אין די נאָכמלחמה־יאָרן.

פון דעמזעלביקן קוואַל דרינגט אויך אַרויס דער אָנהייב פון אַ ע פ נ ט ־ לעך ־ ר ע כ ט ל ע כ ן כאַראַקטער פון דער יידישער עמיגראַציע־אַרבעט. פאַר דער מלחמה איז אַזאַ כאַראַקטער כמעט אינגאַנצן נישט געווען באַקאַנט. די אוממיטלבאַרע הילפס־אויפגאַבן האָט מען געקאָנט רעאַליזירן דורך פּריוואַטער סאָציאַל־פּאָליטישער, אין אַ סך פאַלן אפילו ריין־פילאַנטראָפּישער אַרבעט. איצט האָבן זיך די באַדינגונגען געענדערט. דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך וועגן קאָמפּליצירטע פּראָגן פון אויפהאַלט־רעכט אָדער פון טראַנזיט־רעכט פון טויזנטער און צענטליקער טויזנטער, ווו מען שטויסט זיך אָן אויף שריט און טריט אויף שטרענגע פּאַס־און וויזע־פאַרשריפטן, ווו מען דאַרף אויסקעמפן אימיגראַציע־מעגלעכקייטן קעגן דעם ווילן פון פעלקער און פון רעגירונגען, קאָן קיין פּריוואַטע, באַגרעניצטע אַרבעט נישט העלפן. מען מוז אָפיציעל אונטערהאַנדלען מיט רעגירונגען, עס מוזן געשלאָסן ווערן מיט זיי אָפּמאַכן, וואָס זיינען מחייב ביידע צדדים, עס דאַרפן אַרומגערעדט ווערן קאָלאָניזאַציע־פּלענער פון ברייטן פאַרנעם, וואו אויך פּאָליטישע פּראָגן שפּילן אַ ראָלע. מיר זעען אַלזאָ, ווי אין דער תקופה נאָך דער וועלט־מלחמה קומט דער מאָמענט פון עפנטלעך־רעכטלעכע פאַרהאַנדלונגען גאַנץ שטאַרק צום אויסדרוק. לאָמיר ציטירן אַלס ביישפּיל די צוויי אָפּמאַכן, וואָס זיינען געשלאָסן געוואָרן אין די יאָרן 1921—1922 צווישן „עמיגדירעקט” און די רעגירונגען פון ליטע און לעטלאַנד וועגן דער דורכוואַנדערונג פון יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד דורך זייערע לענדער; די אונטערהאַנדלונגען מיט די רעגירונגען פון מעקסיקע, אין דער לעצטער צייט אויך פון עקוואַדאָר וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין יענע לענדער, שוין אָפּגערעדט פון די פאַרשיידענע אינטערווענצן ביי איינצלנע רעגירונגען (קודם כל אין דרום־אַמעריקע), כדי צו פועלן ביי זיי אַ דערלייכטערונג פון די איינוואַנדערונגס־פאָרשריפטן, כאָטש פון פאַל צו פאַל. אין אַ געוויסער מאָס קאָן דאָ דערמאָנט ווערן אויך די באַטייליקונג פון פאַרשטייער פון יידישע עמיגראַציע־געזעלשאַפטן אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן פאַר עמיגראַציע־פּראָגן (רוים — 1924, האַוואַנע 1928, פּערמאַנענטע קאָנפערענץ פאַרן שוץ פון וואַנדערער ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט אין זשענעוו). אַ גרויסער — ליידער ווייניק געלונגענער — פאַרזוך פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעגולירונג פון יידישע וואַנדערונגס־פּראָגן איז געמאַכט געוואָרן דורך דער שאַפונג פון דעם פעלקער־בונד־קאָמיסאַריאַט פאַר די פּליטים פון דייטשלאַנד (בעיקר — יידן), אין וועמענס באַראַט־קאָלעגיע עס זיינען פאַרטראָטן אויך אַ ריי יידישע אָרגאַניזאַציעס. דער קאָמיסאַריאַט האָט אין אַ צוזאַמענאַרבעט מיט יידישע עמיגראַציע־אָרגאַניזאַציעס געמאַכט אַ ריי פּרוּוון צו זיכערן געוויסע עמיגראַציע־מעגלעכקייטן פאַר די קרבנות פון היטלער־רעזשים און צו רעגולירן זייער רעכטלעכע

סיטואַציע "(פּאַספּאָרטן-פּראַגע, אַרבעטס־דערלויבענישן א. א. וו.), אָבער קיין גרויסע הצלחה האָט ער אין זיין אַרבעט ביז היינט נישט געהאַט.

זייער גרויס איז דער היקף פון דער טעטיקייט פון די יידישע עמיגראַנטן־הילף־אָרגאַניזאַציעס, וועמענס כאַראַקטער מיר האָבן דאָ ביז איצט געשילדערט. מיר האָבן שוין אויבן געבראַכט איינציקע ציפערן. לאָמיר דאָס איצט דערגענצן מיט נאָך אַ פּאָר ביישפּילן: אָט האָט די צענטראַלע יידישע עמיגראַציע־געזעלשאַפט „יעאַס" אין פּוילן אין משך פון די צען ערשטע יאָר פון איר טעטיקייט (1935—1925) געהאַט אין אירע אָבטיילונגען קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן באַזוכן פון העכער צוויי־מאָל הונדערט טויזנט מענטשן. זי האָט דערלעדיקט 39 טויזנט פּעסער, קרוב צו 14 טויזנט וויזעס, פאַרקויפט העכער 11 טויזנט שיפס־קאַרטן און אַרויסגעגעבן הלוואות און געלד־שטיץ אויף 160 טויזנט דאָלאַר און אַ האַלבן מיליאָן פּוילישע זלאָטיס. זי האָט געגעבן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע צוגרייטונג פאַר 758 מענטשן און אַ שפּראַכלעכע צוגרייטונג פאַר 2000 מענטשן. וועגן דעם היקף פון דער טעטיקייט פון דער עמיגראַציע־פאַרייניקונג „היקעם" וועט אונז געבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג די פאָלגנדיקע טאַבעלע פון די לענדער פּוילן, רומעניע, ליטע און לעטלאַנד, צוזאַמענגעשטעלט אויפן סמך פון די יערלעכע באַריכטן פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע:

	יאַר	פּוילן	רומעניע	ליטע	לעטלאנד
צאל עמיגראנטן וואָס האָבן זיך געווענדעט צו די אינסטיטוציעס פון „היקעם".	1927	30.876	2.655	2.240	3.818
	1928	34.419	6.725	6.752	4.380
	1929	37.784	11.698	8.101	6.226
	1930	21.738	7.329	11.174	5.333
	1931	10.044	7.791		
	1932	10.995	5.747	6.322	5.138
	1933	10.142	979	4.175	5.532
	1934	6.371	2.638		1.044
צאָל אינטערווענציעס לטובת די עמיגראַנטן ביי דער מאַכט אין די אויסוואנדערונגס־לענדער און ביי די קאָנסולאַטן.	1927	7.685	1.400	3.075	2.356
	1928	11.877	3.300	4.131	
	1929	12.364	3.281		140
	1930	15.689	3.817	4.697	462
	1931	9.355	3.039	6.170	697
	*)1932				730
	1933	5.114	1.441	2.821	
	1934	9.291	646		

*) פאַר די נישט אויסגעפירטע יאָרן און לענדער פעלן די גענויע ציפערן.

אָבער אויך אין די אימיגראַציע־לענדער ווערט געפירט די טעטיקייט אין אַ גרויסן פאַרנעם, סיי דורך דעם אַמעריקאַנער „היאַס" און סיי דורך די הילפס־געזעלשאַפטן אין אַנדערע איינוואַנדערונגס־לענדער, אין די לעצטע יאָרן קודם כּל — אין דרום־אַמעריקע.

און פונדעסטוועגן, ווי וויכטיק ס'זאָל נישט זיין די דאָזיקע אוממיטלבאַרע הילפס־אַרבעט אין די לעצטע יאָרן, שעפּט זי ווייט נישט אויס די דרינגענדסטע נויטן און זי אַנטשפּרעכט נישט דער טראַגיק פון דער סיטואַציע. אויב פאַר דער עמיגראַציע פון די פאַר צענטליקער טויזנטער אַ יאָר (אויב מיר לאָזן אָן אַ זייט א"י, וואו די יידישע עמיגראַציע ווערט דיקטירט דורך ספּעציעלע פאַר־שריפטן, זענען עס גאָר אַ פאַר טויזנט), וואָס האָבן היינט די געזעצלעכע מעג־לעכקייט צו עמיגרירן, טוען די געזעלשאַפטן זיכער אויף אַ גרויסע זאַך, רעגו־לירנדיק די דאָזיקע עמיגראַציע, פאַרלייכטערנדיק דעם עול פון פאָרמאַליטעטן און שאַפנדיק געוויסע מעגלעכקייטן פון פּראָפעסיאָנעלער און שפּראַכלעכער צוגרייטונג, איז אָבער פאַר די הונדערטער טויזנטער, וואָס ווערן דערשטיקט אונטער דעם שווערן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן דרוק אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער און אין דייטשלאַנד, האָבן זיי ביז היינט קנאַפּ וואָס אויפגעטון, הגם דאָס איז דאָך דער אייגנטלעכער זין פון יידישן עמיגראַציע־פּראָבלעם אין איצטיקן מאָמענט. דאָס עמיגראַציע פּראָבלעם, וואָס איז אין די פריערדיקע יאָרצענטן געווען ביי אַלע פעלקער פון דער וועלט נאָר אַ פּראָבלעם פון רעגו־לירן די עקזיסטירנדיקע וואַנדערונג, האָט זיך אין לויף פון דער צייט שטאַרק מאָדיפיצירט און אָנגענומען ביי פאַרשיידענע פעלקער אַ גאַנץ פאַרשיידענעם פּרצוף. ביי איין פאָלק האָט זיך אַרויסגערוקט אין דער פאָדערשטער שורה די פראַגע פון די לעבנס־און לוין־תּנאים פון זיינע עמיגראַנטן, ביי אַן אַנדער פאָלק — די פראַגע פון זייער פּראָפעסיאָנעלער צוגרייטונג, ביי אַ דריטן — דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם עמיגראַנט און זיין פאָטערלאַנד א. א. וו. עמי־גראַציע־פּאָליטיק, נאָר אַלס קוואַנטיטאַטיווע רעגולירונג פון דער עמיגראַציע, געהערט שוין היינט כּמעט צו דער פאַרגאַנגענהייט.

אויך ביי יידן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג פון זייער אַלטער עמיגראַציע־פּאָליטיק, אָבער אין אַן אַנדערן זין איידער ביי אַנדערע פעלקער. אויפ'ן ערשטן פּלאַנט האָט זיך דאָ אַרויסגערוקט די פראַגע פון די עמיגראַציע־מעגלעכקייטן. אמת, די דאָזיקע מעגלעכקייטן האָבן זיך שטאַרק פאַרקלע־נערט אויך ביי אַנדערע פעלקער. אָבער ביי קיין שום פאָלק האָט די דאָזיקע פאַרקלענערונג נישט אָנגענומען אַזאַ טראַגישן פּרצוף און נישט גורם געווען צו אַזעלכע קאָמפּליקאַציעס, ווי ביי יידן. פון דער אַנדערער זייט זיינען די יידן אויך נישט פריי פון דער עמיגראַציע־פּראָבלעמאַטיק וואָס עקזיסטירט ביי אַ סך אַנדערע פעלקער. אויך ביי זיי שפּילט די פראַגע פון די לעבנס־תּנאים פון זייערע עמיגראַנטן אַ באַדייטנדיקע ראָל, אויך דאָ האַנדלט זיך אין זייער אַ סך

פאַלן וועגן פּראָפעסיאָנעלער און שפּראַכלעכער צוגרייטונג פון די עמיגראַנטן, אויך דאָ איז וויכטיק דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם עמיגראַנט און דעם פאָלקס-כלל, בפרט אויב מען נעמט אין אַכט די אַלץ גרעסערע צעשפּליטערונג פון עמיגראַציע-שטראָם. פון דער קאָמבינירונג פון די דאָזיקע פאַרשיידנסטע עלע-מענטן אונטער דער אומבאַדינגטער ממשלה פון איין איינציקן, וואָס הייסט — קאַמף פאַר די פרימיטיווסטע עמיגראַציע-מעגלעכקייטן, שאַפט זיך דאָס ספּעצי-פישע יידישע עמיגראַציע-פּראָבלעם פון היינט און עס שאַפן זיך די יסודות פון אַ נייער עמיגראַציע-פּאָליטיק.

ד. די אויפגאַבן פון אַ יידישער עמיגראַציע-פּאָליטיק.

אַלס אויסגאַנגס-פּונקט פאַר יעדער סיסטעם פון אַ יידישער עמיגראַציע-פּאָליטיק מוז דינען די גרויסע דיספּראָפּאָרציע צווישן דער יידישער עמיגראַציע-נויט און צווישן די ביז צו אַ מינימום באַגרעניצטע מעגלעכקייטן פון עמיגראַ-ציע. דער צוועק פון עמיגראַציע-פּאָליטיק דאַרף באַשטיין אין גובר זיין די דאָזיקע סתירה, אָדער לכל הפחות פאַרקלענערן איר שאַרפקייט.

אויף דריי וועגן קאָן אַזאַ ציל דערגרייכט ווערן: א) דורך אַ מאַקסימאַ-לער אויסנוצונג פון די פאַראַנענע עמיגראַציע-מעגלעכקייטן, ב) דורך זייער פאַרגרעסערונג — און ג) דורך אַ קאָמבינירונג פון עמיגראַציע-אַרבעט מיט קאָלאָניזאַציע.

די דאָזיקע דריי וועגן זיינען נישט סותר איינער דעם צווייטן. די — צום באַדויערן פּאָפּולערע ביי אונז — איינטיילונג פון די יידישע עמיגראַציע-טוער אין אַזעלכע, וואָס זעען די גאולה אין אַ וויטגייענדיקער צעשפּליטערונג פונעם עמיגראַציע-שטראָם, און אַזעלכע, וואָס שטרעבן צו בויען אַ בריק צווישן עמי-גראַציע און קאָלאָניזאַציע, איז נישט קיין באַגרינדעטע, יעדנפאַלס האָט זי נישט קיין שייכות מיט די אמתדיקע נויטן פון יידישן עמיגראַנט אין איצטיקן מאָמענט. פאַר די הונדערטער טויזנטער, וואָס ווערן דערשטיקט אין די מזרח-אייראָפּעישע לענדער, מוז געפינען ווערן אַ וועג אַרויס, כדי זיי זאָלן זיך נישט אומוואַנדלען אין אַ פאָלק פון פאַריער און פון פולשטענדיקע קבצנים. און אויב ס'איז נישט פאַראַן איין לייטישער וועג, איז בעסער אַ פּאָר ווייניקער גוטע, וואָס צוזאַמען קאָנען זיי שאַפן אַ פאַרלייכטערונג.

דער פּשוטסטער איז — דער ערשטער מעטאָד. גוט אויסנוצן די פאַראַ-נענע עמיגראַציע-מעגליכקייטן הייסט קודם-כל זיין גוט אינפאָרמירט וועגן זיי. אפילו אין דער היינטיקער טראַגישער צייט פון אַלץ שאַרפערע באַגרעניצונגען, זיינען נאָך דאָ געוויסע לענדער, וואו די אימיגראַציע איז אָדער אין גאַנצן פריי, אָדער לכל הפחות פריי פאַר געוויסע קאַטעגאָריעס פון אימיגראַנטן. נאַטירלעך, הייסט אַ פאָרמעלע פרייהייט נאָך נישט קיין ממשותדיקע מעגלעכ-קייט צו עמיגרירן אין דעם דאָזיקן לאַנד. מען קאָן נישט שיקן מאַסן פון

מענטשן אין די וויסטעניש פֿון נישט אַנטוויקעלטע געביטן און זיי פֿאַרמשפּטן דאָרט צו אַ הונגער-טויט. דער אינפֿאָרמאַציע-אַפּאַראַט פֿון די יידישע עמיגראַציע-געזעלשאַפֿטן מוז אַלזאָ זיין אַ דאָפּלטער: ער דאַרף אַרומנעמען סיי די פֿאָרמעלע און סיי די עקאָנאָמישע עמיגראַציע-מעגלעכקייטן. אגב, אַ אינפֿאָרמאַציע דאַרף מען האָבן וועגן אַלע — אָדער כמעט אַלע — לענדער אין דער וועלט, אויך פֿון די, וווּ די טויערן זיינען היינט מער אָדער ווייניקער פֿעסט פֿאַרשפּאַרט. צווישן די ענדערונגען אין דער ווירטשאַפֿטלעכער קאָניונקטור און צווישן די עמיגראַציע-פֿאָרשריפֿטן איז פֿאַראַן אַ געוויסער, הגם נישט תמיד אַ גענויג קלאָרער צוזאַמענהאַנג, און אויסנוצן דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג אָדער האָבן אַ געוויסע השפּעה אויף אים קאָן מען נאָר דעמאָלט אויב מען איז גענוי אינפֿאָרמירט וועגן די געשעענישן אין דעם באַטרעפֿנדן לאַנד.

דאָס אויפֿהאַלטן אַזאַ פֿאַרצווייגטן אינפֿאָרמאַציע-אַפּאַראַט אין כמעט אַלע לענדער פֿון דער וועלט איז נאַטירלעך נישט קיין פּשוטע און נישט קיין לייכטע זאַך, בפֿרט נאָך בעמעסדיק אין אַכט, אַז אין אַ סך פֿון זיי, און דווקא אין די פֿון אימיגראַציע-שטאַנדפּונקט וויכטיקערע, איז די יידישע באַפֿעלקערונג גאָר קליין, אויב זי איז דאָרט בכלל פֿאַראַן. פֿונדעסטוועגן נישט דורכפֿירבאַר איז די דאָזיקע אויפֿגאַבע זיכער נישט. דער אינפֿאָרמאַציע-אַפּאַראַט פֿון די יידישע עמיגראַציע-פֿאַרבאַנדן, אין דער ערשטער ריי פֿונעם „היקעם" און פֿון דעם „הילפֿס-פֿאַריין פֿון די יידן אין דייטשלאַנד" איז שוין היינט אַ גאַנץ גוטער. מען דאַרף אים נאָר ווייטער אויסבויען, שטיצנדיק זיך בעיקר אויף די יידישע הילפֿס-אָרגאַניזאַציעס, וואָס עקזיסטירן כמעט אין אַלע לענדער פֿון דער וועלט. מען דאַרף פֿאַרשטיין אויסצונוצן אויך די פּיאָנערישע עמיגראַציע פֿון יחידים, וואָס איז אין די ראַמען פֿון יידישן לעבן גוט באַקאַנט. אַזעלכע יחידים, וואָס לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין אויף אייגענער איניציאַטיוו, אויסקלעמפּנדיק זיך בעסערע אָדער ערגערע לעבנס-באַדינגונגען אין נייע, אַ סך מאָל גאָר ווייטע לענדער, וווּ קיין יידישער ישוב האָט ביזאיצט נישט עקזיסטירט, קאָנען לייסטן ערשטקלאַסיקע דינסטן פֿאַר דער יידישער עמיגראַציע, איבערגעבנדיק זייערע דערפֿאַרונגען וועגן דעם מצב אין די באַטרעפֿנדיקע לענדער און וועגן די איינאָרדנונגס-מעגלעכקייטן אין זיי.

עס האַנדלט זיך דאָ אָבער נישט נאָר וועגן אינפֿאָרמאַציע. אין געוויסע לענדער פֿון דער וועלט זיינען דאָ איינאָרדנונגס-מעגלעכקייטן נאָר פֿאַר געוויסע קאַטעגאָריעס פֿון מענטשן, וואָס זיינען אין ראַמען פֿון יידישן לעבן היינט נישט פֿאַראַן. ווייסן מיר דאָך, אַז דאָס יידישע עמיגראַציע-פּראָבלעם קאָמפּליצירט זיך דאָפּלט און דרייפֿאַך צוליב דער פּראָפֿעסיאָנעלער סטרוקטור פֿון די קאַנדידאַטן אויף עמיגראַציע. קיין עמיגראַציע-מעגלעכקייטן פֿאַר הענדלער און פֿאַרמיטלער און ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס זיינען היינט כמעט אין ערגיץ נישטאָ, זיי זיינען אויך נישטאָ פֿאַר האַנטווערקער, אַ חוץ געוויסע קאַטעגאָריעס, וואָס

זייַנען אין יידישן לעבן נישט זייער פאַרשפּרייט. פון דער אַנדערער זייט, זייַנען אין אייניקע לענדער געבליבן געוויסע מעגלעכקייטן פאַר גאַנץ באַשטימטע פּראָפעסיעס, ווי: לאַנדווירטן, הויזדינסטן, הויך־קוואַליפיצירטע אַרבעטער א.א.וו. וואָס אויך זיי זייַנען זייער שוואַך אָדער אין גאַנצן נישט פאַרטראָטן אין יידישן לעבן. דאָ שטויסן מיר זיך אויף דעם צוזאַמענהאַנג צווישן עמיגראַציע און פּראָדוקטיוויזאַציע, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך איינעם פון די וויכטיקסטע באַשטאַנדטיילן פון יידישן עמיגראַציע־פּראָבלעם. דער צוזאַמענהאַנג איז אַ דאָפּלטער: פון איין זייט ווערן הייַנט דערצויגן דורך די יידישע פּראָדוקטיוויזירונגס־אָרגאַניזאַציעס מענטשן, וואָס האָבן פון די נייע פּראָפעסיעס אין די איצטיקע וווין־לענדער קיין גרויסן נוצן נישט און דרייען זיך אַרום אָן אַרבעט, פון דער אַנדערער זייט זייַנען פאַראַן איינאָרדנונגס־מעגלעכקייטן פאַר זיי אין געוויסע אימיגראַציע־לענדער. דער דאָזיקער לאָגישער צוזאַמענהאַנג האָט ביז הייַנט נישט אָנגענומען קיין רעאַלן פּרצוף אין טאָג־טעגלעכן לעבן. אין דער טעאָריע, און על אחת כמה וכמה אין דער פּראַקטיק פון די פּראָדוקטיוויזאַציע־אינסטיטוציעס, שפּילט די עמיגראַציע נישט קיין באַדייַטנדיקע ראָלע און אויך דער פּראָפעסיאָנעלער אויפטו פון די עמיגראַנטן־הילפס־אָרגאַניזאַציעס איז גאָר אַ קנאַפּער. עפּעס איז געטון געוואָרן, סיי אין די אויסוואַנדערונגס־ און סיי אין די איינוואַנדערונגס־לענדער, אויפ׳ן געביט פון שפּראַכלעכער צוגרייטונג; אויך דאָס האָט זיכער אַ גרויסע באַדייַטונג און פאַרלייכטערט די סיטואַציע פון די עמיגראַנטן. די אייגנטלעכע פּראָפעסיאָנעלע צוגרייטונג האָט אָבער ביז הייַנט פאַרנומען גאָר אַ קנאַפּן פּלאַץ אין דער טעטיקייט פון יידישע עמיגראַציע־אינסטיטוציעס און אין די לעצטע יאָרן האָט מען זי אין די עמיגראַציע־לענדער אין גאַנצן פאַרנאַכלעסיקט. די טענה איז, אַז אַ פּראָפעסיאָנעלע צוגרייטונג אין עמיגראַציע־לאַנד האָט נישט קיין גרויסע באַדייַטונג און ס׳איז העריבער בעסער זיך צו פאַרנעמען מיט דעם אין אימיגראַציע־לאַנד, וואו מען קען זיך אויפ׳ן אָרט און שטעלע באַקאָנען מיט די אַרבעטס־תּנאים. אָבער, ערשטנס, איז די דאָזיקע טענה נישט אין גאַנצן קיין גערעכטע, ווייל אין די עמיגראַציע־לענדער האָבן די עמיגראַנטן אין אַ סך פאַלן נאָך געוויסע פּרנסה־קוואַלן און זיי קאָנען זיך צוגרייטן אַ פּאָר חדשים פאַר אַ נייער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, בשעת אין די איינוואַנדערונגס־לענדער ווערן זיי תּיכף פאַרטומלט מיט טויזנטער זאָרגן פון אַ ניי לעבן און האָבן נישט קיין צייט און אויך נישט קיין פּסיכישן כּוח פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלער אומגרופּירונג; צווייטנס אָבער זעען מיר הייַנט נישט קיין גרעסערע ממשותדיקע פּראָדוקטיוויזאַציע־אַרבעט אויך אין די איינוואַנדערונגס־לענדער. די פּראָדוקטיוויזירונג פון די עמיגראַנטן ווערט אַלזאָ הייַנט – לכל הפּחות אין ממשותדיקן לעבן — שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט. פרעגט זיך פאַרוואָס? אוודאי דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק ביים פּראָפּאַגאַנדירן די פּראָדוקטיוויזאַציע־לאָזונגען, בפרט בנוגע די

לאנדווירטשאפט, וואס איר סיטואציע איז כמעט אין אלע לענדער פון דער וועלט זייער א שווערע און וואס אירע שאנסן פאר דער צוקונפט שטעלן פאר מיט זיך א גרויסן פראגע-צייכן. אבער אפילו די פון דעם קריזיס געפלאגטע לאנדווירטשאפט אין די מעבר-לים-לענדער שיינט צו זיין א געוואלטיקער פראגרעס לגבי דעם פרצוף פון יידישן עקאנאמישן לעבן אין די מזרח-אייראפעישע לענדער, און ווער רעדט נאך וועגן דער קוואליפיצירטער אינדוסטריעלער אדער האנטווערקער-ארבעט, וואו די אנוויקלונגס-מעגלעכקייטן זיינען דאך זיכער גאר גרויסע. און מען דארף דאך נעמען אין אכט, אז די קליין-אינדוסטריע-ארבעט, פאר וועלכער די יידן זיינען פסיכאלאגיש מער צוגעגרייט, האט בכלל גרעסערע שאנסן פון אנטוויקלונג אין די היינטיקע אימיגראציע-לענדער, וואס שטרעבן צו שאפן א אייגענע פראדוקציע, ועמענס היקף פון באדערפענישן איז אבער, שוין צוליב דער קליינער צאל באפעלקערונג, א גאנץ באגרעניצטער. אזוי איז דער פאל אין דער ערשטער ריי אין די דרום-אמעריקאנישע לענדער, וואס האבן זיך פארמאכט פאר דער אימיגראציע אין די לעצטע יארן, ווו עס עפענען זיך אבער איצט אין צוזאמענהאנג מיט דער עקאנאמישער קאניונקטור נייע מעגלעכקייטן פאר א קוואליפיצירטער האנטווערקער און קליין-אינדוסטריע-ארבעט. אזוי רוקט זיך ארויס די פראגע פון פראפעסיאנעלער צוגרייטונג אינם סאמע פאדערשטן פראנט פון יידישן עמיגראציע-פראבלעם אין איצטיקן מאמענט. זיכער נישט קיין פשוטע פראגע, און נאך די ביז איצטיקע דערפארונגען מיט דער יידישער פראדוקטיוויזאציע-באוועגונג דארף מען זיין זייער פארזיכטיק. אבער דאס באפרייט אונז נישט פון דעם חוב צו באנייען די אנשטרענגונגען, אז ביי געגעבענע אויסערלעכע און אינערלעכע באדינגונגען קאן א פראדוקטיוויזאציע-באוועגונג האבן דעם געווונשענעם רעזולטאט,—דאס באווייזט דער יידישער אויפבוי-ווערק אין א"י, און ביי אנדערע פעלקער באווייזט דאס דער ביישפיל פון ענגלאנד, אין א געוויסער מאס אויך פון איטאליע. דאס פראבלעם פון אריבערפירן ארבעטסלאזע ענגלישע אינדוסטריע-ארבעטער צו לאנדווירטשאפט, כדי זיי צו קאלאניזירן אויף די ווייטע שטחים פון דער ענגלישער אימפעריע, איז אוודאי נישט ווייניקער קאמפליצירט, איידער דאס פראבלעם פון יידישער פראדוקטיוויזאציע. און פונדעסטוועגן האט זיך ענגלאנד גענומען צו אזא אויפגאבע און עס האט זיך איר איינגעגעבן, הגם אין א באגרעניצטער מאס, די אויפגאבע צו דערפילן. אודאי איז דערצו נויטיק א גרויסע אנשטרענגונג און ארגאניזירטע פאלקס-געמיינשאפט. פארטיזאניש לאזט זיך אזא אויפגאבע נישט לייזן. אבער צו דער דאזיקער פראגע וועלן מיר זיך נאך אומקערן.

און איצט א פאר ווערטער צום צווייטן פראבלעם פון די דריי, וואס זיינען פריער דערמאנט געווארן אלס די הויפט-פראבלעמען פון דער יידישער עמיגראציע-פאליטיק. צי זיינען דא געוויסע מעגלעכקייטן אדורכצוברעכן די אייזערנע וואנט פון באגרעניצונגען, וואס פארמאכט פאר דעם יידישן עמיגראנט

דעם צוגאַנג צו דאָס רוב לענדער פון דער וועלט, שטעלנדיק די פראַגע אַזוי, פאַרלאָזן מיר דעם באָדן פון פּריוואַטע אָדער געזעלשאַפטלעכע באַמיונגען און מיר גייען אַריבער צו עמיגראַציע־פּאָליטיק אַלס קאָמפּלעקס פון עפּענטלעך־רעכטלעכע פּראָבלעמען און אויפגאַבן. עפּענען נייע מעגלעכקייטן פון עמיגראַציע מחוץ אָדער אפילו קעגן די עקזיסטירנדיקע געזעצלעכע פאַרשריפטן אין די איינצלנע לענדער קאָן מען נאָר אויף צוויי וועגן: אָדער דורך דירעקטע אונטערהאַנדלונגען מיט די באַטרעפנדיקע מלוכות, אָדער דורך אַ דרוק אויף זיי דורך דער פאַרמיטלונג פון עפנטלעך־רעכטלעכע קערפּערשאַפטן. איןביידע פאַלן זיינען די אויסזיכטן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג נישט קיין גוטע. אַנדערע פעלקער האָבן די מעגלעכקייט צו רעגולירן זייערע עמיגראַציע־פראַגן דורך טראַקטאַטן, ווייל זיי זיינען מלוכהש־אָרגאַניזירט און האָבן מלוכהשע מיטלען אין זייער רשות. דאָס יידישע פאָלק האָט די דאָזיקע מיטלען נישט און פונדעסטוועגן קאָן און מוז דאָ עפּעס געמאַכט ווערן. אוודאי, קיין דירעקטע אונטערהאַנדלונגען מיט מלוכות אויפן יסוד פון „דאָ אוט דעס" (לייסטונג און קעגן־לייסטונג) זיינען צווישן יידן און צווישן די מלוכות פון דער וועלט נישט מעגלעך. ס'זיינען אָבער יאָ מעגלעך און עס זיינען שוין פאָרגעקומען אָפּמאַכן צווישן גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס און צווישן איינצלנע מלוכות, וועמענס צוועק איז צו רעגולירן קאָנקרעטע פראַגן פון יידישער עמיגראַציע. דער באַקאַנטסטער פאַל פון דעם מין זיינען די אָפּמאַכן, וואָס זיינען געשלאָסן געוואָרן צווישן „היקעם" און צווישן דער ליטווישער און דער לעטישער רעגירונג וועגן דער דורכוואַנדערונג פון יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד דורך זייערע לענדער. ס'קאָנען אויך געמאָלט זיין אַזעלכע אָפּמאַכן וועגן איינוואַנדערונג, הגם זיי זיינען נאַטירלעך אַ סך קאָמפּליצירטער. די מדינות שליסן זיך היינט אָפּ קעגן אימיגראַציע, מורא האָבנדיק פאַר אַ קריזיס אָדער פאַר אַ היפּערטראָפיע פון געוויסע פּראָפעסיעס, בפרט פון שטאָטישע, וואָלט זיך געקאָנט געפינען אַ קערפּערשאַפט, וואָס וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט צוצוגרייטן אין אַ גרעסערן פאַרנעם יידישע עמיגראַנטן פאַר געוויסע, פאַר די איינוואַנדערונגס־לענדער וויכטיקע, באַרופן און איבערנעמען אַ גאַראַנטיע פאַר אַזאַ פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל, ווער ווייסט צי עס וואָלט דאַן נישט געווען מעגלעך צו שליסן אינדיווידועלע אָפּמאַכן מיט די איינצלנע אימיגראַציע־לענדער און אויף אַזאַ אופן שאַפן נייע עמיגראַציע־מעגלעכקייטן.

אָבער אויך דער דרוק פון אויסן איז אַלס הילפס־מיטל פאַר דער פאַרלייכטערונג פון יידישער עמיגראַציע נישט אויסגעשלאָסן. אוודאי, קיין דירעקטע רעפּרעסיע־מעגלעכקייטן האָט דאָס יידישע פאָלק נישט און עס קאָן זיך נישט פאַרטיידיקן, אויב מען מאַכט צו פאַר יידישע עמיגראַנטן די טויערן פון איין לאַנד נאָך דעם אַנדערן. פאַראַן אָבער געוויסע אַנדערע מעגלעכקייטן, וואָס קאָנען ביי באַשטימטע פאָרויסזעצונגען יאָ אויסגענוצט ווערן. אַזאַ מעגלעכקייט

איז — אַ געוויסער דרוק דורך דער פאַרמיטלונג פון די מזרח-אייראָפּעיִשע מלוכות, וואו די יידישע מאַסן זיינען היינט קאָנצענטרירט און וואָס זיינען דאָך אויך פאַראינטערעסירט אין דער יידישער עמיגראַציע. היינט נעמט אָן דער דאָזיקער אינטערעס אין דאָס רוב פאַלן דעם נעגאַטיוון פּרצוף פון שיקאַנירן די יידן און פאַרמיאוסן זיי דאָס לעבן, ער קאָן אָבער אויך ביי אַ גוטער פּאָליטיק אָננעמען אַ פּאָזיטיוון כאַראַקטער פון פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון יידישער עמיגראַציע: געוויסע סימנים פון אַזאַ איינשטעלונג זעען מיר לעצטנס אין פּוילן (צ״ב די סיים-דעבאַטע וועגן יידישער עמיגראַציע, שאַפונג פון אַ געמישטער פּויליש-יידישער קאָמיסיע פאַר יידישע עמיגראַציע-ענינים), און הגם דער דאָזיקער אינטערעס פאַר יידישער עמיגראַציע איז זיכער מער דיקטירט דורך שנאת המן, איידער דורך אהבת-מרדכי, קאָן ער פונדעסטוועגן אויסגענוצט ווערן ביי אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן, וואָס ווערן געשלאָסן פון פּוילן, ער קאָן אויך אויסגענוצט ווערן אויף דער טריבונע פון צווישן-מלוכהשע אינסטאַנצן.

וועגן די דאָזיקע אינסטאַנצן נאָך אַ פּאָר ווערטער. אין דער ערשטער ריי מוז דאָ נאַטירלעך דערמאָנט ווערן דער פעלקער-בונד. ער האָט היינט שוין נישט יענע אויטאָריטעט, ווי פאַר צען אָדער פופצן יאָר צוריק. ער האָט זיך אויך נישט באַרעכטיקט אין אַ גרויסער מאָס דווקא אין פראַגן פון אימיגראַציע. אָבער פונדעסטוועגן דאַרף מען זיין השפעה נישט אונטער-שעצן. ער האָט היינט נאָך גענוג מעגלעכקייטן, סיי פּאָליטישע און סיי עקאָנאָמישע, און אויך היינט האָט דאָס, וואָס ווערט געזאָגט אויף דער טריבונע פון זיינע אינסטאַנצן, אָדער וואָס ווערט געטון דורך זיינע אָרגאַנען, נאָך אַלץ אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער וועלט. פאַראינטערעסירן דעם פעלקער-בונד מיט דעם פּראָבלעם פון יידישער עמיגראַציע און אים באַוועגן צו געוויסע קאָנקרעטע שריט, וואָלט אַליין זיכער געהאַט גאָר אַ גרויסע באַדייטונג. דאָס פאַרלאַנגט אָבער אַ גרויסע צוגרייטונגס-אַרבעט, סיי אין די איינצלנע לענדער און סיי אין זשענעוו גופא, און היינט איז אפילו נישט פאַראַן קיין אינסטאַנץ, וואָס וואָלט זיך געקאָנט פאַרנעמען מיט אַזאַ אַרבעט.

דער פעלקער-בונד איז אָבער נאָר דער וויכטיקסטער, אָבער נישט דער איינציקער ביישפּיל פון אַ אינטערנאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט מיט אַ גרעסערן פערנעם. ס׳זענען דאָ נאָך אַנדערע, וואָס הגם זיי האָבן נישט קיין עפנטלעך-רעכטלעכן כאַראַקטער, איז פונדעסטוועגן זייער טעטיקייט פון אַ גרויסער באַדייטונג, — ספּעציעל אויפן געביט פון עמיגראַציע. אין דער ערשטער ריי קומט דאָ אין באַטראַכט דער אינטערנאַציאָנאַלער געווערקשאַפט-בונד (פּראָ-פעסיאָנעלער אינטערנאַציאָנאַל), וואָס נעמט אַרום אויך די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער-פאַרבאַנדן אין די איינוואַנדערונגס-לענדער און האָט שוין צוליב דעם אַליין די מעגלעכקייט משפּיע צו זיין אויף זייער פּאָליטיק. דער אינ-

טערנאַציאָנאַלער געווערקשאַפטס-בונד וועזט שוין זייט לאַנגע יאָרן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס פאַר עמיגראַציע-ענינים, אין יאָר 1926 האָט ער צונויפ־גערופן אַ ספּעציעלן וועלט-וואַנדערונגס-קאָנגרעס אין לאָנדאָן, וואו עס האָבן זיך באַטייליקט כמעט אַלע וויכטיקערע לענדער פון דער וועלט און וועמענס רעזאָלוציעס צייכענען זיך אויס מיט זייער פּראָגרעסיוון צוגאַנג צו די ענינים. עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז אַ ספּעציעלע פאַראינטערעסירונג פון אַזאַ קערפּערשאַפט מיט די פראַגן פון יידישער עמיגראַציע וואָלט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. ליידער איז אויף דעם דאָזיקן געביט כמעט גאָר נישט געטון געוואָרן ביז היינט.

צום סוף, איידער מיר גייען איבער צו אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגן, נאָך איין באַמערקונג וועגן דעם פּראָבלעם פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם עקזיסטירט נישט נאָר אין די גרעניצן פון יידישן לעבן. אויך ביי אנדערע פעלקער איז אַ סך מאָל געמאַכט געוואָרן דער פּרווו צו קאָנצענטרירן זייערע עמיגראַנטן אויף באַשטימטע שטחים פון די מעבר-לים-לענדער, אויפבויענדיק דאָרט אַ סיסטעם פון לעבן אויף נייע עקאָנאָמישע יסודות. די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע-פּרווון האָבן אין דאָס רוב פאַלן אַ מער אָדער ווייניקער אויגעשפּראָכן פּאָליטישן כאַראַקטער, פאַר־פאָלגנדיק באַשטימטע אימפּעריאַליסטישע צילן (צ״ב די דייטשע, ענגלישע, אָדער איטאַליענישע קאָלאָניזאַציע). ביי יידן האָט די דאָזיקע פאַרבינדונג צווישן עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע נישט קיין פּאָליטישן כאַראַקטער. נאָר אין איין לאַנד פון דער וועלט, אין א״י, איז די יידישע קאָלאָניזאַציע-אַרבעט פאַרבונדן מיט אַ פּאָליטישן ציל (שאַפונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַ־לער היים); אין אַנדערע לענדער, ווו עס זיינען געמאַכט געוואָרן אָדער ווערן איצט געמאַכט פּרווון פון יידישער קאָלאָניזאַציע, אין דער ערשטער ריי אין אַרגענטינע און סאָוויעט-רוסלאַנד, האָבן די דאָזיקע פּרווון נאָר אַן עקאָנאָמישע, אין בעסטן פאַל נאָר אַ קולטור-פּאָליטישע כוונה. און אויב עס רעדט זיך איצט אַזוי פיל וועגן דעם פּראָבלעם פון יידישער קאָלאָני־זאַציע און עס ווערן וועגטילירט פאַרשיידנסטע פּלענער אין פאַרשיידנסטע מער אָדער ווייניקער עקזאָטישע לענדער, איז דאָס אוודאי נישט צוליב אימפּע־ריאַליסטישע כוונות פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער פּלאַן פון יידישער קאָלאָניזאַציע-אַרבעט איז אַרויסגעוואַקסן פון דער שווערער עקאָנאָמישער נויט אין די לעצטע יאָרן. מען האָפט, אַז בויענדיק אַ יידישן קיבוץ אויף באַ־שטימטע טעריטאָריעס, וועט מען ערשטענס לייכטער באַקומען אַ דערלויבעניש פון די באַטרעפנדיקע מלוכות, און צווייטנס וועט אויך די אימיגראַציע קאָנען אָננעמען אַ ברייטערן און מער סטאַבילן כאַראַקטער. ווי ווייט די דאָזיקע האָפענונגען זיינען באַגרינדעט, איז נאַטירלעך נישט לייכט פעסט־צושטעלן, ווייל אַ חוץ א״י און אין אַ געוויסער מאָס אויך סאָוויעט-רוסלאַנד

זיינען אַלע אַנדערע קאָלאָניזאַציע-פּלענער (עקוואַדאָר, האָנדוראַס, אַנגאָלאַ וכדומה) לעת עתה געבליבן אויף'ן פּאַפּיר. טעאָרעטיש איז דער געדאַנקן-גאַנג זיכער אַ ריכטיקער. אויף דער באַזע פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע קאָן אַרויסוואַקסן אַ ישוב מיט אַ גרעסערער אויפנאַמס-פעיקייט פאַר נייע אימיגראַנטן. מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אַ קאָלאָניזאַציע-אַרבעט איז אַ שווערער און אַ קאָמפּליצירטער ענין, וואָס לאָזט זיך מיט פּשוטער עמיגראַציע-אַרבעט נישט פאַרגלייכן. כדי אַ קאָלאָניזאַציע זאָל זיך איינגעבן מוז זי זיך שטיצן אויף אַ שטאַרקן אַפּאַראַט, זי מוז האָבן גרויסע פינאַנציעלע מיטלען אין איר רשות און זי מוז האָבן אַ ענטשפּרעכנדיקן מענטשן-מאַטעריאַל, שוין אָבגערעדט פון טעריטאָריאַלע, קלימאַטישע און פּאָליטישע תנאים, וואָס זיינען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. עס איז אַלזאָ קיין וואונדער נישט, וואָס אין דער קאָלאָניזאַציע-געשיכטע פון כמעט אַלע פעלקער אין דער וועלט שטויסן מיר זיך אויף שריט און טריט אויף נישט געלונגענע פּרוּוון, קיין וואונדער נישט אויך, אַז אויך ביי יידן זיינען דאָ געגנוג אַזעלכע דורכפאַלן. אויף אַ פּאַרטיזאַנישן אופן, מיט קליינע גרופּן און מיט באַגרעניצטע מיטלען פון איינצלנע געזעלשאַפטן אָדער אינסטיטוציעס לאָזט זיך קיין קאָלאָניזאַציע-אַרבעט נישט מאַכן. דאָס איז אַ מלוכהשע אַרבעט און זי מוז האָבן אַ מלוכהשן פאַרנעם.

כדי צו רעאַליזירן די דאָזיקע דריי הויפּט-אויפגאַבן פון אַ יידישער עמיגראַציע-פּאָליטיק אין איצטיקן מאָמענט, ווי זיי זיינען דאָ סקיצירט געוואָרן: אינטענסיווסטע אויסנוצונג פון די פאַרהאַנענע עמיגראַציע-מעגלעכקייטן, אויס-קעמפונג פון נייע מעגלעכקייטן און קאָמבינירונג פון עמיגראַציע און קאָלאָני-זאַציע, מוז קודם-כל געשאַפן ווערן אַ שטאַרקער געזעלשאַפטלעכער איבערבוי פאַר דער אימיגראַציע-אַרבעט. דער גרעסטער חסרון פון דער יידישער עמיגראַ-ציע-אַרבעט אין די לעצטע פאַר יאָר איז נישט דאָס, וואָס זי האָט נישט געהאַט געגנוג מיטלען; געלט איז דאָ געווען נישט ווייניקער איידער אין אַנדערע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אויך קיין אָרגאַניזאַטאָרישע דעפעקטן קאָנען נישט דערקלערן די קנאַפּע ערפאָלגן פון דער אויפגעטוענער עמיגראַציע-אַרבעט; די אַרבעט איז געווען און געבליבן נישט שלעכט אָרגאַניזירט ביז היינט. דער הויפּט-חסרון איז דער שוואַכער צוזאַמענהאַנג צווישן דער יידישער געזעלשאַפט און דער יידישער עמיגראַציע-אַרבעט. די דאָזיקע אַרבעט ווערט היינט נישט נאָר געטון, נאָר אויך קאָנטראָלירט דורך יחידים, אין בעסטן פאַל דורך קליינע גרופּן. די יידישע עמיגראַציע-געזעלשאַפטן, ווי ווייט זיי עקזיסטירן, קאָנצענטרירן אַרום זיך נאָר באַגרעניצטע גרופּן פון מיטגלידער. דער איינציקער אויסנאַם איז דער אַמעריקאַנער "היאַס", אָבער אויך דאָרט, זעט אויס, שטייט נישט די גרויסע צאָל מיטגלידער אין קיין ריכטיקער פּראָפּאָרציע מיט זייער אינטערעס פאַר דער ממשותדיקער אַרבעט (אגב אַ חסרון אויך פון אַ סך אַנדערע יידישע

ארגאניזאציעס אין די פאריייניקטע שטאטן). אט דער דאזיקער קליינער היקף פון מיטגלידער, אדער זייער קנאפער אינטערעס פאר עמיגראציע-פראגן מאכט די עמיגראציע-געזעלשאפטן אומפעיק פאר א גרויסער קאנסטרוקטיווער ארבעט מחוץ פון די ד׳ אמות פון דער טאג-טעגלעכער רעגולירונג פון דער עמיגראציע. די דאזיקע, הגם זייער וויכטיקע, אבער פונדעסטוועגן באגרעניצטע ארבעט, וואס זעט אויס נאך קלענער און נאך פראזאישער לגבי דער געוואלטיקער יידישער עמיגראציע-נויט פון היינט, מאכט פון איר זייט אפאטיש די געזעלשאפט און דערווייטערט זי פון די עמיגראציע-אינסטיטוציעס. אזוי שאפט זיך א פארכשופטער קרייז פון אינטערעסלאזיקייט און באגרעניצטער ארבעט, וואס קאמפליצירט נאך מער די סיטואציע.

דער דאזיקער מצב איז זיך נוקם אויך אן דעם יידישן עמיגראנט גופא. דער עמיגראנט איז היינט נאר א נ׳ א ב י ע ק ט פון דער טעטיקייט פון די געזעלשאפטן און אינסטיטוציעס. קיינער זארגט נישט דערפאר אים צו ארגאניזירן, צו מאכן אים באוווסטזיניק און אים אריינציען אין דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. דער מאמענט פון זעלבסטהילף איז אין דער יידישער עמיגראציע-ארבעט כמעט ווי נישט באקאנט, און די ארבעט נעמט אן צוליב דעם א מער אדער ווייניקער פ י ל א נ ט ר א פ י ש ן כאראקטער. אמת, דאס איז נישט קיין ספעציפיש יידישער חסרון; אויך ביי אנדערע פעלקער איז די ארגאניזירונג פון עמיגראנט נישט קיין לייכטע אויפגאבע, און די פרוון צו שאפן עמיגראנטן-קאאפעראטיוון, וואס זיינען געמאכט געווארן נאך דער וועלט-מלחמה בפרט אין דייטשלאנד, האבן זיך געענדיקט מיט א דורכפאל. אבער דאס, וואס איז מער-ווייניקער פארשטענדלעך ביי אנדערע פעלקער, אין וועמענס לעבן עמיגראציע שפילט נישט אזא גרויסע ראלע און וואו די עמיגראנטן רעקרוטירן זיך א סך מאל פון ווייניק ווערטפולע קרייזן, פון פארשיידענע לא-יצלחס, איז נישט אזוי פארשטענדלעך אין די ראמען פון יידישן לעבן מיט זיינע צענטליקער און הונדערטער טויזנטער קאנדידאטן אויף עמיגראציע, ארויסגעשטויסענע פון נארמאלן עקאנאמישן לעבן נישט צוליב זייער שולד. דער עמיגראנט מוז דא ווערן אן א ק ט י ו ו ע ר גליד אין קייט פון קאמף פאר דער צוקונפט פון פאלק, און אויב ער איז עס היינט נישט איז דאס א סימן, אז אין דער יידישער עמיגראציע-ארבעט איז עפיס נישט אין ארדענונג.

אט די דאזיקע נישט ארגאניזירטקייט און קנאפע באוווסטזיניקייט פון יידישן עמיגראנט פארערגערט אויך ממילא זיינע שאנסן, וואס זיינען סיי ווי גענוג קליין. אן עמיגראציע פון קולטורעל הויכשטייענדיקע און באוווסטזיניקע מענטשן לאזט זיך תמיד לייכטער אדורכפירן, אייהער אן עמיגראציע פון גאנצע אדער האלבע אנאלפאבעטן. דאס פארמאכן די טויערן פון א סך אימיגראציע-לענדער (קודם כל פון די פאריייניקטע שטאטן) פאר אן אימיגראציע פון מזרח-אייראפע איז געווען דיקטירט קודם כל דורך מורא פאר דער קולטורעלער

אָפּגעשטאַנענקייט פון יענער עמיגראַציע. דער יידישער עמיגראַנט האָט לײדער ביז היינט נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין אויסנאַם פון דאָזיקן כּלל, אויב מיר נעמען נישט אין אַכט די עמיגראַציע פון דייטשלאַנד, וואָס האָט אויך טאַקע נישט געקוקט אויף איר פּראָפעסיאָנעלער איינזייטיקייט, געהאַט אין דאָס רוב אימיגראַציע-לענדער אַ סך אַ בעסערן קבלת פּנים. דערציען דעם יידישן עמיגראַנט, מאַכן אים באַוווסטזיניק און קולטורעל דערהויבן — מוז ממילא פאָרשטעלן מיט זיך אַ וויכטיקן באַשטאַנדטייל פון דער יידישער עמיגראַציע-פּאָליטיק.

מיר זעען אַלזאָ, ווי דער סיסטעם פון יידישער עמיגראַציע-פּאָליטיק איז אין אַ סך פּרטים פאַרשיידן פון דער עמיגראַציע-אַרבעט ביי אַנדערע פעלקער, האָבנדיק אַ סך אַ גרעסערן היקף און אַ סך מער קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און אויפגאַבן. מיר זעען אויך, ווי דער איצט עקזיסטירנדיקער יידישער עמיגראַציע-אַפּאַראַט, נישט געקוקט אויף זיין איבערגעגעבנקייט און אויף דער אינטענסיוויטעט פון זיין אַרבעט האָט פּאָרט נישט באַוויזן און קאָן אין זיין איצטיקער סטרוקטור נישט באַווייזן צו רעאַליזירן אַזאַ סיסטעם פון עמיגראַציע-פּאָליטיק, וואָס מוז זיין באַזירט אויף מאַסן-דערציונג און מאַסן-אָרגאַניזירונג.

וווּ איז דער אויסוועג?

צוויי מעגלעכקייטן עפענען זיך דאָ פאַר אונזערע אויגן. דאָס איינע איז ווייטער פאָרטזעצן דעם קאָנסאָלידירונגס-פּראָצעס פון יידישן עמיגראַציע-אַפּאַראַט און שאַפן איין איינהייטלעכן עמיגראַציע-פאַרבאַנד אין גאָר דער וועלט, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף אַ שטאַרקן געזעלשאַפטלעכן יסוד פון צענטליקער און אפשר אויך הונדערטער טויזנטער אָרגאַניזירטע מיטגלידער, צווישן זיי אויך פון די עמיגראַנטן גופא. זייער אַ וויכטיקער ציל, פאַר וועלכן ס׳איז זיכער כּדאַי צו מאָביליזירן די כּוחות.

די אַנדערע מעגלעכקייט, וואָס איז אגב נישט סותר די ערשטע, איז אַריינשטעלן די עמיגראַציע-אַרבעט אין דינסט פון דעם אָרגאַניזירטן פאָלקס-כּלל, געבנדיק איר אויף אַזאַ אופן דעם שטאַרקן געזעלשאַפטלעכן באַזיס און פאַרשאַפנדיק איר געוויסע מעגלעכקייטן פון אַן עפנטלעך-רעכטלעכער, האַלב-מלוכהשער טעטיקייט.

דאָס פירט אונז צו דער פראַגע פון צוזאַמענהאַנג צווישן יידישער עמיגראַציע-אַרבעט און יידישן וועלט-קאָנגרעס.

ה. יידישע עמיגראַציע-אַרבעט און יידישער וועלט-קאָנגרעס.

דער דעציזירנדיקער אונטערשייד צווישן דער יידישער עמיגראַציע-פּאָליטיק פון פאַר דער וועלט-מלחמה און אין איצטיקן מאָמענט מוז געפינען זיין אָפּשפּיגלונג סיי אין פאָרנעם פון דער אַרבעט און סיי אין אירע מעטאָדן. רעגולירן אַ עמיגראַציע אין זין פון פּאַרטייִדיקן די אינטערעסן פון עמיגראַנט קעגן שווינדלערס און אַפּעריסטן, דערלעדיקן פאַר אים פּאַרמאַליטעטן און געבן אים מאַטעריעלע שטיצע — דאָס קאָן אַ יעדע אינסטיטוציע אָדער געזעלשאַפט, אין אַ קלענערן צי אין אַ גרעסערן פאָרמאַט; אַזאַ אַרבעט קאָן אויך געטון ווערן דורך אייניקע אָרגאַניזאַציעס; די קאָנקורענץ שטערט דאָ נישט, יעדנפאַלס האָט זי נישט קיין גרויסע באַדייטונג. גאָר אַנדערש זעט עס אויס דאָרט, ווו עס האַנדלט זיך וועגן קאַמף פאַר עמיגראַציע-מעגלעכקייטן, וועגן עפנטלעך-רעכטלעכע אונטערהאַנדלונגען, וועגן קאָלאָניזאַציע-פּלענער און וועגן אַ פּראָפעסיאָנעלער איבערגרופּירונג אין גרויסן מאַסשטאַב. מיט קיין באַגרעניצטע באַמיונגען און מיט פּריוואַטער הילפס-אַרבעט וועט מען דאָ אַ סך נישט אויפטון. אַ גרויסע קאָנצענטרירונג פון כוחות און אַ גרויסער היקף פון אַרבעט, אַ שטאַרקער געזעלשאַפטלעכער אונטערבוי און אַ עפנטלעך-רעכטלעכער כאַראַקטער פון דער טעטיקייט — אָט דאָס זיינען די יסודות, אויף וועלכע עס מוז זיך שטיצן די יידישע עמיגראַציע-פּאָליטיק פון היינט.

די רעאַליטעט פון דער היינטיקער אַרבעט אַנטשפּרעכט נישט די דאָזיקע הנחות. נאָר איינע פון זיי איז רעאַליזירט געוואָרן אין אַ מער-ווייניקער גרויסער מאָס. הגם אויך דאָ זיינען מיר נאָך ווייט פון אַ אידעאַלן מצב, יעדנפאַלס קאָן מען אָבער זאָגן, אַז די קאָנצענטרירונג פון כוחות אין דער עמיגראַציע-אַרבעט איז ווייט אַוועק פאַרויס. אין אמתן ווערט די גאַנצע יידישע עמיגראַציע-אַרבעט היינט דיקטירט דורך צוויי אָדער דריי אָרגאַניזאַציעס („היקעם", „היאַס", „הילפס-פאַריין פון יידן אין דייטשלאַנד"), יעדנפאַלס געפינט זי זיך אונטער זייער קאָנטראָל. וואָס שייך אָבער די אַנדערע פּאָסטולאַטן זיינען מיר נאָך אַלץ נישט אַרויס איבער די גרעניצן פון די ערשטע מער אָדער ווייניקער נישט געלונגענע פּרוּוון. נישטאָ קיין גרויס-מאַסשטאַביקע אָרגאַניזירונגס-און צוגרייטונגס-אַרבעט, נישטאָ קיין אָרגאַניזירט פאָלק אַרום די לאָזונגען פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע און ס'איז כמעט נישטאָ קיין זכר פון אַרבעטס-מעטאָדן פון אַזאַ פאָלק.

אין אַזעלכע באַדינגונגען לאָזן זיך קיין גרויסע זאַכן נישט דערגרייכן. נישט נאָר וואָס עס קען נישט פאַרענטפערט ווערן די פראַגע פון די צענטליקער און הונדערטער טויזנטער וועלכע מוזן עמיגרירן, כדי זיך צו ראַ-

טעוועו פון פיזישן און מאָראַלישן אונטערגאַנג, נאָר אפילו געוויסע צוגריי־טונגס־שריט פאַר אַ גרויס־מאַסשטאַביקער אָרגאַניזירונג פון יידישער עמיגראַציע קאָנען נישט געמאַכט ווערן. אָט אַזוי איז דער געדאַנק פון אַ יידישן עמיגראַציע־קאָנגרעס געבליבן ביז היינט נישט מער ווי אַ פראַזע, אין בעסטן פאַל אַ לאָזונג, וואָס ווערט נישט רעאַליזירט. ס׳איז נישט קיין נייער געדאַנק. מען האָט שוין פאַר דער מלחמה געקלערט און גערעדט וועגן אַ עמיגראַציע־קאָנגרעס, האַלטנדיק אים פאַר נויטווענדיק צוליב דעם גרויסן היקף פון דער יידישער עמיגראַציע. ס׳איז אָבער דעמאָלט גאָרנישט געוואָרן פון דעם דאָזיקן לאָזונג, ווייל קיין ספּעציפישע יידישע עמיגראַציע־פּראָבלע־מאַטיק האָט דעמאָלט נישט עקזיסטירט, יעדנפאַלס האָט זי נישט געלעבט אין באַוווסטזיין פון די מאַסן. היינט האָט דער עמיגראַציע־קאָנגרעס גאָר אַן אנדערן זין. א געוואַלטיקער אויסגעשריי פון הונדערטער טויזנטער, וואָס ווילן עמיגרירן, אָבער האָבן נישט וואוהין, וואָלט געקאָנט, גוט צוגעגרייט, האָבן אַן ערשטקלאַסיקע דעמאָנסטראַטיווע באַדייטונג. אויב פונדעסטוועגן ווערט היינט גאָרניש אָדער כמעט גאָרנישט געטון, כדי דעם דאָזיקן געדאַנק צו רירן פון טויטן פונקט, איז דאָס פון איין זייט צוליב דער פאַסיוויטעט פון די מאַסן, וואָס זיינען נישט פאַרבונדן מיט דער עמיגראַציע־אַרבעט, און פון דער אַנדערער זייט האָבן, זעט אויס, אויך די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער דאָזיקער אַרבעט נישט קיין געהעריקע פאַרשטענדניש און נישט קיין געהעריקן צוגאַנג צו אַזאַ געדאַנק.

דאָזעלבע איז אויך נוגע דעם געדאַנק פון אַ יידישער עמיגראַציע־באַנק. אויך דער דאָזיקער געדאַנק איז נישט קיין נייער, אָבער אויך ער איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי אַקטועל און אַזוי דרינגענד ווי היינט. מיליאָנען דאָלאַרן ווערן כסדר אַריבערגעשיקט פון די אימיגראַציע־לענדער צו די קרובים אין מזרח־אייראָפּע, עס ליקווידירן זיך טויזנטער עמיגראַנטן־פאַרמעגנס ביי די נישט געאָרדנטע פינאַנציעלע פערהעלטענישן פון היינט, עס ווערן כסדר געמאַכט נייע שוועריקייטן ביים אַריבערפירן געלטער פון איין לאַנד צום אַנדערן. ביי אַזעלכע באַדינגונגען וואָלט אַ צענטראַלע יידישע עמיגראַציע־באַנק, וואָס וואָלט זיך נישט באַגנוגנט מיט געווינטלעכע פינאַנציעלע טראַנזאַקציעס, נאָר אויך פאַרטיידיקט די פינאַנציעלע אינטע־רעסן פון אימיגראַנט און אָבגעראַטעוועט זיינע גראָשנס, זיכער געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. היינט עקזיסטירט אַזאַ אינסטיטוציע נישט און אירע אויפגאַבן ווערן נאָר צום טייל דערפילט דורך אַלגעמיינע עמיגראַציע־אָרגאַניזאַציעס (אין דער ערשטער ריי דורך דעם היאַס). פּאַראיינצלטע פּרווון צו שאַפן יידישע לאָקאַלע עמיגראַציע־באַנקן (צ״ב אין רומעניע) האָבן זיך נישט איינגעגעבן ווייל אַ יידישע עמיגראַציע־באַנק, אויב זי דאַרף דערפילן אירע אויפגאַבן, מוז זיך שטיצן אויף דעם צוטרוי פון די מאַסן און מוז האָבן

אַ גרויסן היקף פון טעטיקייט. אויך אויף דעם דאָזיקן געביט דאַרף נאָך כמעט אַלץ געטון ווערן.

דער מוסר־השכל פון די דאָזיקע אויספירונגען, ווי אויך פון די אויספירונגען פון פאַריקן קאַפּיטל, איז — אַז די יידישע עמיגראַציע־אַרבעט, כדי זי זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען אין אַ געהעריקן פאַרנעם און דערפילן אירע אמתע אויפגאַבן, מוז זיין באַזירט אויף אַ גרויסער און שטאַרקער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע. נאָר דעמאָלט וועט זי קאָנען קומען אין אַ ממשותדיקן קאָנטאַקט מיט מלוכות און אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, נאָר דעמאָלט וועט זיך לאָזן רעאַליזירן דער לאָזונג פון אַ פּראָפּעסיאָנעלער איבערגרופּירונג און נאָר דעמאָלט וועט דער געדאַנק פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע זיין מער איידער אַ פערזאַמלונגס־פראַזע.

אָט די דאָזיקע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע קאָן און דאַרף זיין דער יידישער וועלט־קאָנגרעס.

וואָס וועט געבן דער יידישער וועלט־קאָנגרעס דער יידישער עמיגראַציע־אַרבעט? ער וועט איר געבן קודם־כל אַ שטאַרקן און אַ דעצידירנדיקן געזעלשאַפטלעכן אָנשפּאַר. מיר ווייסן נאָך היינט נישט, ווי גרויס וועלן זיין די מאַסן, וואָס וועלן זיך אוממיטלבאַר אָדער מיטלבאַר באַטייליקן אין קאָנגרעס, אָבער אַז די דאָזיקע מאַסן וועלן גיין אין שווערע הונדערטער טויזנטער און אפשר מיליאָנען, קען קיין שום ספק נישט זיין. זיי וועלן נישט קומען צום וועלט־קאָנגרעס נישט צוגעגרייט. די אויפקלערונגס־קאַמפּאַניע אַרום דעם וועלט־קאָנגרעס, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן און ווערט אַדורכגעפירט אין אַ גרויסן פאַרנעם, וועט אַרומנעמען אויך די פראַגן פון יידישער עמיגראַציע און וועט אויפקלערן די מאַסן וועגן דער באַדייטונג פון די פראַגן, אַריינשטעלנדיק זיי גלייכצייטיק אינעם אַלגעמיינעם קאָמפּלעקס פון יידישן עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויף אַזאַ אופן וועט צום ערשטן מאָל זינט לאַנגע יאָרן דאָס יידישע עמיגראַציע־פּראָבלעם קאָנצענטרירן אַרום זיך די גאַנצע אָדער כמעט די גאַנצע יידישע עפנטלעכע מיינונג, און אַזוי וועט עס בלייבן אויך ווייטער, אויב דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, צו וואָס מיר שטרעבן אַלע, וועט זיך אומוואַנדלען אין אַ שטענדיקע אינסטיטוציע מיט אייגענע אָרגאַנען און אַ אייגענעם אויפקלערונגס־אַפּאַראַט.

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס וועט אויך געבן דער יידישער עמיגראַציע דעם עפנטלעך־רעכטלעכן כאַראַקטער, וועלכן זי דאַרף האָבן. אַלס די פאָרשטייערשאַפט פון יידישן פאָלק וועט ער האָבן די מעגלעכקייט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט מלוכות און מיט אינטערנאַציאָנאַלע אינסטאַנצן און פון דער דאָזיקער מעגלעכקייט וועט אויך געניסן די יידישע עמיגראַציע. מיר האָבן אין פריערדיקן קאַפּיטל באַוויזן, ווי נויטיק עס איז דער עפנטלעך־רעכטלעכער כאַראַקטער פון יידישער עמיגראַציע־אַרבעט, כדי צו פאַרגרעסערן די איצטיקע מיני־

מאַלע עמיגראַציע-מעגלעכקייטן; מיר האָבן אויך אונטערגעשטראָכן, אַז היינט פעלט די אינסטאַנץ, וואָס וואָלט געקאָנט זיכער־ן אַזאַ כאַראַקטער פון דער אַרבעט. דורך דעם יידישן וועלט-קאָנגרעס וועט די דאָזיקע אינסטאַנץ געשאַפן ווערן.

דער יידישער וועלט-קאָנגרעס איז אויך דער איינציקער, וואָס קאָן פון דער לאָזונג פון יידישער קאָלאָניזאַציע מאַכן אַ ממשותדיקע זאַך. פירן אונטערהאַנדלונגען מיט איינצעלנע מלוכות, באַקומען פון זיי קאָנצעסיעס און נעמען אויף זיך דערפאַר באַשטימטע התחייבות׳ן, אָרגאַניזירן די קאָלאָניזאַציע-אַרבעט אין אַ געהעריקן פאַרנעם און זיכערן איר ערפאָלג, קאָן נאָר אַ אָרגאַניזירט פאָלק. דאָס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון מיטלען, הגם אויך זיי שפילן אַ ראָלע און אויך זיי איז אַ סך לייכטער און סך בכבודיקער צו באַקומען אין וועג פון אַ פאָלקס-קאַמפּאַניע. נישט ווייניקער וויכטיק איז אָבער דער אידעישער באַזיס פון אַ קאָלאָניזאַציע-אַרבעט. מיט ריין־עקאָנאָמישע מעטאָדן וועט דער ערפאָלג פון קאָלאָניזאַציע-אַרבעט נישט געזיכערט ווערן, בפרט אין דער ערשטער שווערער צייט. דאָ מוז צוקומען דער סטימול פון אַ געוויסן אידעאַליזם, פון נאַציאָנאַלער באַגייסטערונג, וואָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דעמאָלט, אויב די קאָלאָניזאַציע-אַרבעט ווערט געפירט דורך דעם אָרגאַניזירטן פאָלק און נישט דורך איינצעלנע אינסטיטוציעס.

לאָמיר צום סוף דערמאָנען די פּאָזיטיווע דערשיינונג פון קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון די פאַרשיידנסטע אינסטיטוציעס פאַר עקאָנאָמישער און סאָציאַלער הילפס-אַרבעט, וואָס וועט האָבן אַ באַדייטונג אויך פאַר דער יידישער עמיגראַציע. היינט הערשט אויף דעם דאָזיקן געביט אַ פולשטענדיקער כאַאָס און דיסציפּלינלאָזיקייט. פּראָדוקטיוויזאַציע, קאָאָפּעראַציע, שול-אַרבעט, יתומים-פאַרזאָרגונג, שוץ פון וואַנדערער, גמילת-חסדים-קאַסעס א. א. וו., אַלץ אַרבעט אויף אייגענעם אחריות, נישט רעכנדיק זיך מיט אַנדערע, ווירקנדיק אפילו אַ סך מאָל קעגן זייערע אינטערעסן. מיר האָבן אין פריערדיקן קאַפּיטל דערמאָנט די פאַטאַלע קאָנסעקווענצן פון נישט צוזאַמענאַרבעט צווישן די פּראָדוקטיוויזאַציע-און די עמיגראַציע-אינסטיטוציעס; אַזעלכע ביישפּילן קאָנען געבראַכט ווערן אין די צענטליקער. צו דעם דאָזיקן הפקר-צושטאַנד מוז געמאַכט ווערן אַ סוף. עס מוז זיין אַ אינסטאַנץ, וואָס זאָל זיין העכער איידער די איינצעלנע אינסטיטוציעס און וואָס זאָל קאָנען קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט. די דאָזיקע אינסטאַנץ דאַרף זיין דער יידישער וועלט-קאָנגרעס. אויך דאָ וועט די יידישע עמיגראַציע-אַרבעט האָבן אַ גרויסן נוצן פון איר צוזאַמענגעבונדנקייט מיט דעם קאָנגרעס. אויף שריט און טריט קומט זי אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע דערשיינונגען פון יידישער סאָציאַלער

הילפס-אַרבעט און זי וועט פון זיי קאָנען געניסן אַ סך מער, איידער ביי ד'עם כאַאָטישן מצב פון היינט.

מיר קאָנען צו אַזעלכע זאַכן נאַטירלעך נישט צוגיין פון שטאַנדפּונקט פון לייסטונג און קעגן-לייסטונג. ס'מוז אָבער פּאָרט אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אויך דער יידישער וועלט-קאָנגרעס אַלס אַזעלכער וועט האָבן אַ גרויסן נוצן, אויב די עקזיסטירנדיקע יידישע עמיגראַציע-פאַרבאַנדן, אָדער לכל-הפחות דער רוב פון זיי, וועט זיך אָנשליסן אָן אים. די טראַדיציע פון לאַנגע יאָרן, אין געוויסע פאַלן יאָרצענטליקער פון אָרגאַניזירטער הילפס-אַרבעט פאַרן יידישן עמיגראַנט, האָט, נישט געקוקט אויף אירע פאַרשיידנ-סטע חסרונות, אַן ערשטקלאַסיקן ווערט, און די דערפאַרונגען, וואָס זיינען דאָ צונויפגעקליבן געוואָרן, וועלן זיכער קאָנען וויטער דינען אַלס איינער פון די וויכטיקסטע יסודות פון דער עמיגראַציע-אַרבעט. ס'איז אין איצטיקן מאָמענט נאָך נישט זיכער, צי דער דאָזיקער אָנשלוס פון די עמיגראַציע-פאַרבאַנדן אין דעם יידישן וועלט-קאָנגרעס וועט פאָרקומען אָן שוויריקייטן, אַלס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, צי עס וועלן נישט, וואָס איז ליידער ביי אונזערע יידישע באַדינגונגען נישט אין גאַנצן אויסגעשלאָסן, אויפקומען דאָ און דאָרט שוועריקייטן אַלס אַ רעזולטאַט פון רעגיאָנאַלע אַמביציעס אָדער פון אַ קנאַפּן געזעלשאַפטלעכן חוש. לאָמיר האָפן, אַז דאָס וועט נישט פאָר-קומען, יעדנפאַלס אָבער וועט דער יידישער וועלט-קאָנגרעס זיך קאָנען שטאַרק שטיצן אויף די עקזיסטירנדיקע עמיגראַציע-פאַרבאַנדן אין זיין וויטערדיקער טעטיקייט אויף דעם געביט פון יידישער עמיגראַציע.

וועגן דעם נאָך אַ פּאָר ווערטער. די פאַרבינדונג פון יידישער עקאָנאָ-מישער און סאָציאַלער הילפס-אַרבעט אין די ראַמען פון יידישן וועלט-קאָנגרעס, אַלס איינע פון די וויכטיקסטע באַשטאַנד-טיילן פון זיין טעטיקייט, הייסט נאַטירלעך נישט קיין ע ל י מ י נ י ר ו נ ג פון די ביז איצט עקזי-סטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, הייסט אפילו נישט קיין באַ-גרענצונג פון זייער טעטיקייט, אומגעקערט, די דאָזיקע טעטיקייט זאָל דווקא איצט אינטענסיווירט ווערן, נאָכדעם ווי עס וועלן אַוועקפאַלן די אויסערלעכע שטערונגען און די קעגנזייטיקע רייבונגען. דאָסזעלבע באַציט זיך אויך אויף דער עמיגראַציע-אַרבעט. דער יידישער וועלט-קאָנגרעס אַלס אַזעלכער קאָן קיין עמיגראַציע-אַרבעט נישט פירן. די פראַגן פון עמיגראַציע וועלן זיכער פאַר-נעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אויף די באַראַטונגען פון קאָנגרעס, אָבער נאָר אַלס אַ צוזאַמענפאַסונג, אָדער אַלס אַ דערגענצונג פון דער עמיגראַציע-אַרבעט, וואָס וועט אויך וויטער געטון ווערן דורך באַזונדערע אָרגאַנען און אויף באַזונדערע באַראַטונגען. פאַרקערט, דורך דעם-וועלט-קאָנגרעס וועט ערשט ווערן מעגלעך אַ וויטערדיקער אויפבוי פון אַזעלכע אָרגאַנען. אַזוי וועט צ"ב דער געדאַנק פון יידישן עמיגראַציע-קאָנגרעס ערשט איצט קאָנען רעאַליזירט ווערן,

האָבנדיק אַן אָנשפּאַר אין דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אין אַן עפנטלעך־רעכטלעכער רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן פאָלק, וואָס וועט קאָנען סיי דעם דאָזיקן קאָנגרעס אָרגאַניזירן און סיי אויף אַ פּאַסיקן אופן אויסנוצן זיינע באַשלוסן.

פּראַקטיש וועט די זאַך מן הסתם דאַרפן אויסזען אַזוי, אַז ביי דער עקזעקוטיווע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס וועט געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער דעפּאַרטאַמענט פאַר עמיגראַציע־ענינים, וועמענס אויפגאַבע ס'וועט זיין צו דינען אַלס דער אויבערשטער קאָנטראָל־אָרגאַן פאַר די יידישע עמיגראַציע־פאַרבאַנדן, קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט, ווי אויך די טעטיקייט פון זיי אַלע מיט אַנדערע יידישע עקאָנאָמישע און מעגלעך אויך פּאָליטישע אינסטיטוציעס און געבן זיי געוויסע אָנווייזונגען. דער דאָזיקער דעפּאַרטאַמענט וועט אויך דאַרפן פירן די אויסן־פּאָליטישע אַרבעט אויף דעם עמיגראַציע־געביט (בפרט אונטערהאַנדלונגען מיט מלוכות און אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן) און שאַפן געוויסע צענטראַלע אינסטיטוציעס פאַר דער יידישער עמיגראַציע־אַרבעט אין גאַנצן דער וועלט (צ״ב אַ יידישע עמיגראַציע־באַנק, צענטראַלער יידישער קאָלאָניזאַציע־פאָנד א.א.וו.)

נישטאָ איז דער פּלאַץ פאַר פּרטים. מען וועט זיי קאָנען אויסאַרבעטן אָן באַזונדערע שוועריקייטן נאָך דעם, ווי די גרונט־שטריכן פון דער זאַך וועלן זיין פעסטגעשטעלט. אין נאָר וועגן גרונט־שטריכן האָט זיך דאָ געהאַנדלט. אויפשטעלן דעם יידישן עמיגראַציע־פּראָבלעם אין זיין גאַנצער שווערקייט און קאָמפּליצירטקייט, אַנטוויקלען די יסודות פון אַ יידישער עמיגראַציע־פּאָליטיק און ווייזן דעם אידעאישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן צוזאַמענהאַנג צווישן זיי און צווישן דעם געדאַנק פון יידישן וועלט־קאָנגרעס — דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער בראָשור. אין דער ביטער ערנסטער צייט, אין וועלכער דער יידישער וועלט־קאָנגרעס קומט זיך צונויף און לגבי זיינע איינציקאַרטיקע אויפגאַבן אַלס די פּאָליטישע און די עקאָנאָמישע רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן פאָלק, איז די קאָנקרעטיזירונג פון די באַשטאַנדטיילן פון זיין טעטיקייט זיכער פון אַ גרויסער באַדייטונג. אַ פּרווו אין דער דאָזיקער ריכטונג האָבן מיר דאָ געמאַכט מיט דער האָפענונג צו דערלייכטערן אויף אַזאַ אופן כאָטש אין אַ געוויסער מאָס דעם שווערן גורל־וועג פון דער יידישער עמיגראַציע־אַרבעט און צונויפקניפּן זי מיט דעם לעבן און דעם קאַמף פון דעם אָרגאַניזירטן יידישן כלל.—

אינהאַלט:

	זייט
א. אריינפיר — — — — — —	3
ב. דער איצטיקער פרצוף פון יידישן עמיגראַציע־פּראָבלעם	5
ג. די הילפס־אַרבעט פאַר יידישע עמיגראַנטן אין איצטיקן מאָמענט	20
ד. די אויפגאַבן פון אַ יידישער עמיגראַציע־פּאָליטיק —	31
ה. יידישע עמיגראַציע־אַרבעט און יידישער וועלט־קאָנגרעס	41